STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04817

MENTSH UN ZAYN ARUM

M. Tabatznik

Permanent preservation of this book was made possible
by Herbert & Frances Bernstein
in honor of
their sons, Michael & Daniel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל טאַבאַטשניק

מענטש און זיין אַרום

מענדל טאַובאַטשניק

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „קאַיאָר"
יאָהאַנעסבורג, דרום אפריקע / תשכ"ג—1963.

MENTSH UN ZEIN ARUM

MAN AND HIS ENVIRONMENT

BY M. TABATZNIK

PUBLISHED BY "KAYOR"
JOHANNESBURG, SOUTH AFRICA
1963

געדרוקט אין „פּאַסיפיק פּרעס", יאָהאַנעסבורג, דרום אפריקע.

דאָס בוך איז געהייליקט
מיינע, און מיין פרויס (גינזבורג) —
פאַרשניטענע משפּחות —
אומגעבראַכט דורך די נאַצי־מערדער
אין פוילן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שער־בלאַט און צייכענונגען צו די לידער — פרוי ע. ש ט ע ר ן

DRAWINGS BY MRS. E. STERN.

* * *

מענדל טאַבאַטשניק און זיין בוך זיינען געקומען צו דער יידישער ליטע־ראַטור אויף אזא אייגנאַרטיקן אופן, וואָס בעט זיך ממש פאַרצייכנט צו ווערן. עס איז איינע פון די זעלטענע דערשיינונגען, וואָס אַנטפּלעקן זיך ווי אַ וווּנדער.

אַ גאַנץ לעבן, מיסתמא, איז אין זיין געמיט און האַרץ געלעגן פאַרדרענגט די מוזע. די זינגעווודיקע טענער האָט נאָר געפעלט דער באַריר, וואָס זאָל זיי אַרויסבאַפרייען פון קלעם און זיי לאָזן אַ שפּיל טאָן מיט אייגענעם לשון.

אַז די דאָזיקע געלעגנהייט איז אין טאָג געקומען, האָט דאָס גאַנצע אַנגעזאַמל־טע אייגנס אַ שפּאַר געטאָן, ווי אַ שטראָם וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען צוזאַ־מענגעפּרעסט הינטער אַ צוים. שלא כדרך הטבע — אפשר פאַר דעם מחבר אַליין אומפאַרהאָפט — האָט מענדל טאַבאַטשניק זיך דורכגעבראָכן זיין אייגן, זייטיק שטעגל אין דער ליטעראַטור.

ואלה תולדות הספר „דער מענטש און זיין ארום״:

מענדל טאַבאַטשניק איז אין אַ סוף־מאַרץ טאָג פון 1962 אַריינגעפאַלן צום שרייבער פון די שורות און מיט זיין כאַראַקטעריסטישער צוריקגעהאַלטנקייט אונטערגעטראָגן אַ ליד אויף מבינות*).

ביים דורכלויפן מיט די אויגן איבער די שורות, האָב איך דערפילט אין דער פינף סטראָפיקער אַלעגאָריע עפּעס פון אָריגינעלער באַטעמטקייט.

„נו, ווי איז עס?״ האָט דער מחבר אַרויסגעשטאַמלט מיט אומגעדולד.

„מיר געפעלט עס... אַ גוט ליד...״ האָב איך געענטפערט אָפּגעהאַקט און נאָכטראַכטנדיק. גלייך דערויף איז מיר איינגעפאַלן אַ פרעג צו טאָן:

„וואָלט איר קענען שרייבן נאָך אַזעלכע לידער?״

„געוויס!״ האָט דער מחבר אויפגעשריען פון באַגייסטערונג.

און דאָס איז געווען דער שליסל, וואָס האָט אויפגעעפנט דעם פאַרשאָ־טענעם קוואַל.

אַרום זעקס וואָכן נאָך דעם דאָזיקן צופעליקן שמועס האָט מענדל טאַבאַטש־ניק שוין געהאַט אָנגעשריבן בערך 100 לידער און פּאָעמעס — כמעט דאָס גאַנצע בוך!

מיר איז ניט ווייטער איבעריק געבליבן, ווי נאָכצופאָלגן מיט שטוינונג און פאַרגאַפונג די שאַפערישע שפּע, וואָס איז געוואַקסן מיט אזא גוואַלדיקן כוח.

און נאָך גרעסער איז דאָס וווּנדער געווען — ווייל מענדל טאַבאַטשניק, דער אָנפאַנגער־פּאָעט, איז היינט אַ מאַן פון 67 יאָר!

האָב איך טאַקע ניט איינמאָל געטראַכט, ווען ער פלעגט מיר צוברענגען אַ ניי פּעקל לידער: אפשר איז דאָס אויך איינער פון די ניסים פון דער יידישער ליטעראַטור — אויב עס קומען ניט קיין יונגע, ווערן די אַלטע צוריק יונג...

* * *

אין דעם אזוי אויסטערלישן פאַל פון מענדל טאַבאַטשניק איז דעריבער ניט שייך אָנצווענדן אַ געוויינלעכן קריטישן מעטאָד. מיר מוזן דאָ באַנוצן ליטעראַ־טור־קריטעריעס מער פּאַסיקע פאַר אַ יחיד דערשיינונג, וואָס טיילט זיך אַרויס פון נאַטירלעכן פּראָצעס און ווערט אַ פענאָמען פאַר זיך.

מענדל טאַבאַטשניק האָט זיין געמיט אַריינגעזונגען אין פּאָעטישע פערזן. ער האָט די דיכטערישע שורות אַרויסגעשטויסן פון זיך מיט אומגעוויינלעכער שנעלקייט, און ווי זיי זיינען געבוירן, אין זייער גאַנצער פולקייט, טראָגט ער זיי צו צום לייענער. ער האָט ניט איבערגעקליבן, ניט אַרויסגעקליבן און ניט גע־וואָלט זיך אַרויסשטעלן מיט בלויז מן המובחר — אַלע זיינען אים טייער, ווי אייגענע קינדער, אויב זיי זיינען מער אָדער ווייניקער געראָטן. ער האָט

---

*) מוראַשקעס אויף אַ שטיין (זייט 89).

דעם גאַנצן שלל פון זיין פען אריינגעגעבן אין בוך, ניט פסלענדיק אפילו איין שורה. אפשר איז אומבאַוווסט אויך פאַר אים, געלעגן אין דעם דער מיין אז די גאַנצקייט פון דער ווונדערלעכער דערשיינונג זאָל ניט געמינערט ווערן — פונקט ווי מיר ווילן ניט „קאָרעגירן" די נאַטירלעכע שיינקייט פון אַ וואַסערפאַל, אויב אפילו ער שלעפּט מיט אין זיין לויף צווייגלעך און שטיינדלעך, אָבער זיין פראַכט אנטפּלעקט זיך אין דעם ווי ער איז!

מענדל טאַבאַטשניקן מוזן מיר אויך נעמען ווי ער איז — זיין פאָלקסטימלעכע פשטות און זיין אומגעשטילטער דראַנג פון לאַנגע יאָרן אַראָפּצורייסן זיך פון האַרצן...

אַלץ לעבט אין דער אייביקער וועלט פון מענטש, וואָס קרייזט אָן אויפהער, וואָס פאַרגייט ניט — מענטש און זיין ארום. דער מענטש איז דער צענטער, דורך די אויגן פון מענטש לעבט די וועלט, האָט זי אַ קיום. דער שטומער ארום איז אַלעגאָריש, די צווייטע זייט פון מענטש. דער מחבר פּערזאָניפיצירט די טויטע קעגנשטאַנדן, וואָס ריידן ביי אים בלשון בני אדם; זיי האַנדלען און פילן ווי מענטשן. ווי אזעלכע לידער האָבן זיי זייער אינערלעכע לאָגיק, זייער אייגענע גאַנצקייט און אנטשפּרעכן קוואַליטאַטיוו און טעמאַטיש אַן אָריגינעלן שאַפערישן גאַנג. און אויב אפילו דער ריטם ברעכט זיך אַמאָל און שורות קאָפּירן זיך, בלייבט אָבער די פיינע אָבסערוואַציע ניט געמינערט אויף אַ האָר.

* * *

מענדל טאַבאַטשניק איז געבוירן אין קלעצק (מינסקער גובערניע, שפּעטער — פוילן). נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַכט יאָר געווען דער פאַרוואַלטער פון אַ יידישער פאָלקשול אין מיר, וואָס האָט געהערט צו דער ציש"א. ער איז געווען אַ פעאיקער דערציער און געשריבן יענע יאָרן אַרטיקלען אין פּעדאַגאָגישן זשורנאַל שול און היים. אין דעם זשורנאַל גרינינקע ביימעלעך האָט ער חוץ אנדערע זאַכן אָפּגעדרוקט אַ קינדער־שפּיל „דאָס גאָלדענע קייקעלע", וואָס איז שפּעטער דורכן זעלבן פאַרלאַג דערשינען אין אַ ביכעלע (אין דרום אפריקע — אויך אין ענגליש).

קיין דרום אפריקע איז מענדל טאַבאַטשניק געקומען מיט 35 יאָר צוריק. פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער זיך באַטייליקט אין היגע יידישע צייטונגען און צייטשריפטן, וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל דערציילונגען, רייזערעפּאָרטאַזשן, זכרונות און אַרטיקלען, הגם ער אַליין האָט זיך באַטראַכט ווי אַן אַמאַטאָר, אַ גאַסט אויף אַ ווייל. אין פּנקס קלעצק און אין יזכור־בוך מיר זיינען געדרוקט זיינע מערערע זאַכן פון פאַרשיידענעם זשאַנער. חוץ דעם געפינט זיך נאָך ביי אים אַ מאַנוסקריפּט — אַ ראָמאַן פון לעבן אין פוילן, און שפּעטער — אין דרום אפריקע. דאָס זאָל זיין אַ טרילאָגיע, וווּ אַ גאַנצע תקופה ווערט געשילדערט אויף אַ ברייטן לייוונט. עטלעכע קאַפּיטלען פון ערשטן טייל זיינען שוין געדרוקט געווען.

צום סוף דאַרף נאָך אונטערשטראָכן ווערן די גוואַלדיקע השפעה וואָס די דיכטונג פון א. לוצקי האָט געהאַט אויף דער פּאָעזיע פון מענדל טאַבאַטשניק. דער מחבר אַליין שטעלט זיך אָפּ אויף דעם ברייטער אין זיין צום לייענער; אויך אין אַ ליד דערציילט ער וועגן דעם (זייט 13). אינטערעסאַנט, אז מענדל טאַבאַטשניק איז אַ סך יאָרן געווען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, אַליין געשפּילט און אויך רעזשיסירט. צוליב דעם טאַקע איז אים אפשר נאָענט געווען דער לוצקישער אַרט שרייבן. ווי די לידער פון לוצקין, זיינען אויך די לידער פון דעם בוך זייער צוגעפּאַסט און געאייגנט פאַר דער בינע.

ד. וואָלפּע.

יאָהאַנעסבורג, דעצעמבער, 1962.

צום לייענער

איך האַלט, אַז אַ מחבר דאַרף האָבן געגוג מוט צו דערציילן זאַכן אויפריכטיק און אָפן, כדי דער לייענער זאָל האָבן צו אים צוטרוי. דעריבער געפין איך פאַר נייטיק זיך מודה ומתוודה צו זיין, אַז איך בין שטענדיק געווען ניט קיין צו גרויסער ענטוזיאַסט פון אַזא פּאָעזיע, וואָס מיר איז שווער געווען זי צו פאַרשטיין. און אין איר איבערוויגנדיקן טייל, דוכט מיר, איז פּאָעזיע — איבערהויפּט די מאָדערנע — אַ שווער־באַנעמיקע. דעריבער איז אין מיין ביבליאָטעק ניט בנימצא קיין צו פיל פּאָעזיע־ביכער, חוץ ה. לייוויק, א. לוצקי און נאָך אַ פּאָר „פאַרעלטערטע" דיכטער.

מיין „נעגאַטיווע" באַציאונג צו פּאָעזיע האָט ניט איין מאָל מיך געמאַטערט: פאַרוואָס איז עס אַזוי? בין איך דען טאַקע אַזוי באַגרענעצט? נאָך פיל און אָפטע שמועסן מיט לייענער, וועלכע אינטערעסירן זיך אויך מיט ליטעראַטור, האָב איך אויסגעפונען, אַז ביים גרעסטן טייל פון זיי קומט פאָר דער זעלבער קאָנפליקט מיט דער אומפאַרשטענדיקער פּאָעזיע.

איז פאַרוואָס איז עס טאַקע אַזוי?

לייענער זיינען פאָלקס־מענטשן — און אַזא איינער ענטפערט אויף דער פראַגע אָן שום יישוב הדעת: איך פאַרשטיי ניט אַזא פּאָעזיע, וואָס האָט ניט קיין אינהאַלט. אָבער, פון דער צווייטער זייט, ווען אַזא לייענער באַגעגנט אַ ליד אָדער אַ פּאָעמע מיט אַ סיפור המעשה, אַ שטיקל אינהאַלט, דאַן האָט ער שטאַרק הנאה פון אַזא פּאָעזיע — ער פאַרשטייט זי!

דאָס איז, מיין איך, די הויפּט־סיבה פאַרוואָס מיר פאַרמאָגן ניט קיין באַדייטנדיקע צאָל פּאָעזיע־לייענער. דער מאַסן־לייענער, דער עמך־מענטש וויל אין דער פּאָעזיע געפינען עפּעס, וואָס זאָל אים אַ נעם טאָן, ניט סתם ווערטער, פאַסיקלעך מיט פינטעלעך און — בכלל קיין אינהאַלט ניט. וואָס וויל דער דיכטער? וואָס האָט ער געמיינט צו זאָגן? דעם ענטפער מוז דער לייענער לײדער איבערלאָזן פאַר מער קליגערע מוחות און אַליין זיך ווידער נעמען צו דער פאַרשטענדיקער פּראָזע.

איך מיין ניט, חלילה, אַז דורך דעם ווערט פאַרמינערט די ווערטפולקייט פון דער פּאָעזיע און איר הייכער סטאַנדאַרט אין דער ליטעראַטור. פאַר פיל לייענער איז נאָך היינט אַ פּאָעמע, צי אַ ליד, וואָס דער המון עם פאַרשטייט ניט, אַ באַלזאַם פאַר זייער נשמה און אַ נחת רוח פאַר זייער געמיט. די אָבער זיינען אַ קוים אָנזעעוודיקע מינאָריטעט, אַ ברוכטייל פון אַ לייענער־מאַסע.

די אויבן דערמאָנטע סיבות מאַכן מיך גלויבן, אַז אַנדערש וועט עס זיין מיט מיין בוך לידער, וואָס איך גיב איבער אין די הענט פון לייענער. די לידער און פּאָעמעס ריידן מיט אַ פּשוט לשון, דירעקט צום האַרצן פון יעדן לייענער. יעדער איינער, דוכט מיר, וועט נאָכן איבערלייענען די לידער קענען רואיק זאָגן: דאָס

זיינען לידער פאַר מיר! און אויב איך האָב דאָס דערגרייכט מיט מיין בוך — האָב איך אַלץ דערגרייכט!

אגב, וויל איך נאָך באַמערקן, אז פון אלע דיכטער אין אונדזער ליטעראַטור איז מיר דער נאָענטסטער אין געמיט און פאָרם א. לוצקי. ער נעמט מיך מיט זיין אָריגינעל ראַפינירטער פאָרם, מיט זיין ספּעציפישן יידיש לשון, וואָס פאַר־כאַפּט אזוי, אז פון לוצקיס א בוך איז זיך שווער אָפּצורייסן. דעריבער זאָל דער לייענער זיך ניט וואונדערן, וואָס אין אַ סך פון מיינע לידער און פּאָעמעס מערקט זיך די לוצקישע השפּעה. איך האָב זיך אָבער באַמיט צו קומען צום לייענער מיט מיין אייגענעם וועג און אויף מיין אופן: די פשוטקייט פון סטיל און לשון, וואָס וועט ניט מאַטערן מיט זוכן אַ פּירוש אויף מיינע לידער.

ד ע ר   מ ח ב ר.

מיין ליד

מיין ליד — צי אָרעם איז, צי רייך —
ברענג איך, ליבע פריינט, צו אייך!
משפט איר: ווי איז די זאַך —
דערגרייכט גענוג, צי גאָר אַ סך?

מיין ליד — פון ערשטער שורה שוין —
כ׳האָב אָנגעטאָן אַ פשטות־קרוין,
אז לייכט און ליכטיק צו פאַרשטיין
זאָל עס זיין פאַר גרויס און קליין.

מיין ליד איז ניט פאַרשטעלט מיט רייד,
נאָר אויבן אויף ליגט דער באַשייד:
וואָס געזאָגט אָט דאָס געמיינט,
ניט פאַרפוצט און ניט פאַרשיינט!

מיין ליד פון מענטש איז און זיין גאַנג,
דאָס פשוט מענטשלעכע געזאַנג,
וואָס אייגן איז מיר, ווי מיין גוף,
כאָטש כ׳בין פּאָעט — ניט פון באַרוף.

מיין ליד האָט אויך אַ ציל, אַ מיין,
ס׳האָט פרייד פון מענטש און זיין געוויין,
אַ מוסר השכל פון אַ שטיין — —
צעעפנט ס׳בוך, לייענט אליין:

מענדל טאַבאַטשניק

דאַנקזאָגונג:

- מיין פרוי פייגל,
  וואָס האָט מיך אינספּירירט און געמוטיקט פאָרצוזעצן
  מיין שרייבן און ארויסגעבן דאָס בוך.

- מיין פריינד ד. וואָלפּע,
  וואָס האָט דעם ערשטן שטויס געטאָן צום שרייבן
  און מיר געהאָלפן צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק.

- מיין פריינד ירחמיאל פעלדמאַן,
  וואָס האָט מיך סטימולירט צו פאַרענדיקן דאַס בוך.

- דעם זעצער אייבי קראסנאָווסקי,
  פאַר זיין פיינער ארבעט און מי.

אינהאַלט

* * * — ד. וואָלפע

צום לייענער — דער מחבר

מיין ליד

גורל־ און שטימונג־לידער

	זייט
גאָט	13
ערד־אכסניה	17
צייט	21
צום נאַכטיגאַל	25
טאָג	26
ערב שלאָף	28
נאַכט	29
יאָרן	30
נאָך!!!	32
ליבע און האַס	35
לעצטער גאַנג	36
וועלט און גליק	38
אַ פאַבל וועגן דערציאונג	43
אין נאָמען פון מענטשן	50
נאָך געבוירן ווערן	57
גסיסה־געזאַנג	59
טויט	60
מצבות: א. טויטע וועלט	
ב. מצבות ריידן	
ג. הערן מצבות	61
פאַראַדאָקסן	73
צער־בעלי־חיים	81

אַלעגאָריע און משל

מוראַשקעס אויף אַ שטיין	89
אַ שוועבעלע	90
אַ פידל	92
ליידיקע מילך־פלעשער	96
לאָמפן	97
פאַפיר אין ווינט	98
אַן עלעקטריש קעסל	100
חיות און טויבן	102
חיה און מענטש	104
די שפין און די פליג	106
שפינען	108
פייגל און קערנער	112
צוויי מייז	116
אַן עפל אַ גרויסהאַלטער	119
אַן עפל מוסרט	121
האַרבסט־בלעטער האָבן טענות	123
בלעטער אין האַרבסט (צוויי וואַ־ריאַנטן)	125
שטיין פרייער און שטיין פרומער	128
ליכט	130
רעקלאַמע־ליכטער	134
צוויי מינים דימענטן	139
ביכער	142
אַ בילדער־שמועס	144
אַ וואַזע	146
אַ טעניס־פילקע	149
פעדער־תליון	151
צוויי פעלצן	154
ביימער וואַרטן אויף רעגן	156
וואָלקן־געיעג נאָך דער זון	158
שניי אין יאָהאַנעסבורג	160
אַ ווינט אין שטעטל	162
אַ שטורעם	165
שטיינער אַנטלויפן	170
דריי פריינט	176
מטבעות	182

מ ע נ ט ש

זייט

א. אַ קאַרגער — 191
ב. אַן אויסברענגער — 195
ג. אַ מעסיקער — 198
צוויי מינים מענטשן — 200
באַרימער — 202
מיידל און יינגל — 205
יענעמס, עט... — 206
אַלץ ביי יענעם — 207
אליין — 209
קנאה — 211
פלאגיאט — 213
ווילסטו וויסן ?... — 217
מענטש איז ניט צופרידן — 220
זאָרגן — 221
אַלץ איז פאַרשיידן — 225
דאָס העמד פון גליק — 227
געלט: 1. געלט און וועלט —
(כמו א הקדמה)
2. געלט און מענטש — 230

שוואַרצער און זיין וועלט

„ריקשע־באָי" — 245
דזשים — 248
די וועשערין — 251
מינא און לינא — 252
דאָס ליד פון אַ „פיקינין" — 254
אָקס און מענטש — 256
מענטש און פערד — 258
דער „פיקינין" און די אָקסן — 261
דער וועג פון לייד און פרייד — 263
אַ ברוין ביימעלע — 265
שיך שמועסן — 268
אַ מאַנטל — 270
אינדיער — 271
גאַסן־זינגער — 274
אַ מיידעלע מיט בלומען — 277

קינדער־לידער / פּאָעמע / קינדער־שפּיל

באַשעלעס געבוירנטאָג — 281
דאָס שפּיל־קעסטעלע — 283
אַ פינגערל צעקלאָפּט — 284
דאָס קראַנקע ליאַלקעלע — 286
טעלעפאָן־געשפּרעך — 287
סוזאַן און העזעלע — 289
שרהלע און פישעלע — 291
מאָטעלע און קאָטעלע — 292
הונט און קעצל — 293
ציגעלע — 294
דער בער — 295
קעצל און קייקעלע — 296
העזל באַרימער — 298
מיראַזש ביי קאַטשקעס — 300
אַ משל פון אַ פישעלע — 301
אַ פייגעלע אין שטייגעלע — 303
אַ חתונה ביי בלומען — 305
זון־רעגן חתונה — 307
צום ווינטער — 308
צום רעגן — 309
צו דער זון — 310
צען ניס — 311
פראַגן וועגן אחרית הימים — 313
די מאַמע מוסרט — 315
דאָס צויבער־גלעקעלע — 317
אלף־בית (קינדער־שפּיל) — 330

גורל־
און
שטימונג־לידער

גאָט

דו פרעגסט, מיין קינד,
ווו איז גאָט ?
גאָט, ווי ווינט,
איז אומעטום —
אַרום,
אַרום,
אַרום !

אָט —
אין דיר,
אין מיר,
אין אים,
אין יענעם,
אומעטום —
נאָר דערקען אים !
נאָר פאַרנעם אים !

אין יעדע זאַך
זעסטו אים :
אין לאַך,
אין שטים,
אין קרים,
אין גיי,
אין שטיי,

אומעטום
אַרום
איז גאָט!

זיין טראָט —
אין שטאָט,
אין פעלד
ער העלט,
אין וואַלד
ער שאַלט,
אויף באַרג,
אין הייך,
אין מאַרק,
אין טייך;
ער איז געוועזן דאַן —
גאָר־גאָר אַמאָל,
ער איז איצט פאראן —
גייט מיט דיר — שפּאַן אין שפּאַן!
ער איז אין ציטער פון דיין קול!
ווו נאָר לעבן איז פאַראַן —
דאָרט איז גאָט!

אפילו אין אַ וואָרט פון שפּאָט,
אויפן שנעבעלע פון טויב,
אין תפילה און אין לויב;
אין די זאַכן — שטום,
פון דיין ארום
איז גאָט פאראן:

אין טיש,
אין באַנק,
אין שטול,
אין שאַנק,
ווייל זיי האָבן אויך אַמאָל
געהאַט אַ לעבן פול ;
פארשטיי עס —
דער זעלבער גאָט
פאַר צמחים און פאַר חיות !

אָט —
דאָס שטומע קול
פון לעבעדיקן בוים,
וואָס ווערט ניט דערהערט,
אָבער פארוואָרצלט איז ער
אין דער ערד
און גרינט ארויף צום רוים !
עס איז פון גאָט !
ווען בוים מיט לעבן איז,
ווען מיט זאפטן פרוכט־זיך,
ווען ער טראָגט זיין קאָרע־הויט —
ער איז ניט טויט,
ווי עס דוכט זיך —
עס איז אַלץ פון גאָט !

זאָל מיר זיין פאַרגעבן,
אויב איך גלויב,
אז אפילו אין א זריעה־שטויב

איז פאראן אַ גילגול פון אַ לעבן —
לעבן,
וואָס ווערט צעפאַלןביים טויט,
און שוין דערנעבן —
אַ לעבן אַ צווייט!

אזוי מיט אלץ —
מיט האָלץ,
מיט ביין,
מיט שטיין;
אין יעדע זאַך
איז גאָט פאַראַן —
ער איז פון אלץ
דאָס זאַלץ!

ער איז די אומבאַוווסטע קראַפט —
דער שטאָלץ פון מענטש,
און אַלץ ער בענטשט,
אין יעדע לעבעדיקע זאַך
פליסט זיין געטלעך זאַפט;
זיין אָטעם באַלעבט,
באַשטרעבט,
באַזעלט,
באַהעלט,
און זיין אויג איז תמיד וואַך!

ערד־אַכסניה

ווי אלט איז די ערד ?
אזוי אלט ווי די וועלט !
ווי אלט איז די וועלט ?
אזוי אלט ווי די ערד !

זאָגן גרויסע לייט
פון וויסן און פון קענען,
אז די ערד איז אַלט
אַ צייט...
אַ צ־יי־ט — —
דאָס מיינט :
מיליאָנען יאָרן !
ביליאָנען !!
טריליאָנען !!!
— — — נען !!!

ווי לאַנג איז מענטשנס לעבן ?
וויפל קען די ערד אים יאָרן געבן ?
זיבעציק !
אַכציק !!
ניינציק !!!
זעלטן הונדערט —
דאַן איז עס אַ וווּנדער !
איבער הונדערט —
וווּנדער איבער וווּנדער !!

איצט — זעט און הערט,
באטראכט זיך נאָר :
סך הכל הונדערט יאָר
און — גאָר...

טאָ פרוווט —
גלייכט זשע הונדערט
צו — מיליאָנען !
גלייכט זשע ניינציק
צו — ביליאָנען !!
גלייכט זשע אכציק
צו — טריליאָנען !!!
— — — — — — —
טאָ וואָס פאר אַ ווערט
האָט אונדזער בידנע
בינטל יאָרן
אויף דער אַלט
באַיאָרטער ערד ?

מאַכט דעם חשבון
קלאָר און ריכטיק,
מיט פאַרשטאַנד און קאַלט !
דער חשבון איז גאָר וויכטיק :
איר וועט זען,
אליין דערפאַרן,
אז ס׳האַלט דער מענטש
זיך אין איין נאַרן !

וואָס זשע זיינען מיר
נאָך אלעם,
אז מיר האלטן
אין איין שאַלן
פון דעם מענטש
און פון זיין גבורה ?
כ׳לעבן, ס׳איז ניט ווערט
אַ סענט...
ס׳איז אַ מאַניע —
דעם מענטשנס נאַטור נאַר !
זיינען מיר דאָך
אויף דער ערד דאָ,
איינגעבעטן אויף אַ ווילע —
אייליק ! —
אייליק !! —
איי־ליק !!! —
געסט אין אַן אכסניה...

אָדער גאָר —
מיר זיינען פּאַסאַזשירן
אויף א רוים־שיף,
און אלע
פאָרן מיר צוזאַמען
פאר א קליינע ווילע — —
און פון יענער זייט
וואָס איז ?
אַ נייער ברעג ?
אַ נייער וועג ?

אַ נייע וועלט ?
טונקל אָדער העל ?

דאַרפֿן מיר דאָ
אויף א ווײַלע,
ווי די ערד־געסט —
פּאַסאַזשירן —
דעם מהלך טאָן אַ מעסט !
און אפשר גאָר —
פייגעלעך אין א ברענענדיקן נעסט !...
טאָ צו וואָס
אין די פּאָר יאָר
איינזאַמלען פארדראָס —
רייסעניש און בייסעניש,
יאָגעניש און פּלאָגעניש,
און פארוויסטן,
פארמיסטן
איינער דעם צווייטן
די קוים זיבעציק,
די קוים אַכציק,
די קוים־קוים ניינציק,
די קוים־קוים־קוים הונדערט
יאָר ?! — —

צייט

באַגריף פון צייט —
נאָענט, צי ווייט:
אַ רעטעניש?
אַ קענטעניש?
אומענדלעך!
אומפאַרשטענדלעך!

דער נעכטן
לעבט נאָך
מיטן היינט — ביינאַנד;
דער מאָרגן —
דערוואַרטונג,
אָן באַשייד:
פריידן, צי זאָרגן —
צי אפשר גאָר פון אלעםביידן...

יעדע צייט וואָס קומט
איז אַ מאָרגן —
ווי אַ שווערד
אין שייד פאַרבאָרגן...
די ערד
שניידט צו די צייט:
טעג און נעכט
אין דורותדיק געפלעכט,

און צייט קריגט באַטייט
דורך מענטשנס האַנט,
וואָס פאראייביקט זי
מיט ציפער און פאַרשטאַנד !

דאָס גאַנצע לעבן
איין און איינציק שטרעבן,
אין לאַבירינט פון צייט
זיך צו באַוועגן —
און דורות גייען ווייטער, ווייט
דורך די טויערן פון צייט...

יאָרן וואָס פאַרגאַנגען —
ביז צום נעכטן —
זיינען שוין פארפלאָכטן
אין דעם היינט :
ווי זאַנגען אויף אַ פעלד,
גייען אויף נייע טעג
אויף דער וועלט —
זיי ברעכן דורך אַ וועג
פאַר דעם בייט
פון צייט !

בייט זיך דאָס לעבן —
בייט זיך דאָס שטרעבן,
ס׳קומען אָנהייבן און סופן,
בענקעניש און האָפן !

דורך בלויע שויבן
קוקט פון הימל
די צייט אראָפּ
אויף אונדזער ערדיש שימל.
און מענטש — ווייניקער פון צייט:
חלום וואָס פאַרגייט...
יאָרן, ווי טויבן,
וואָס פליען דורך און פאַרשווינדן.
אָט נעכטן — ערשט געבוירן:
אַ קינד —
שפּילעווודיקע טעג,
ווי גאָלדיקע בינען,
זשומען זיס, מיט לוסט,
און ווי זאַמד דורך די פינגער —
צערינען...
די פרייד שלאָגט אין ברוסט,
די יאָרן זינגען,
פאַרבענקט, באַטריבט,
פאַרליבט —
אָט ערשט זיך געטראָפן
און שוין — פאַרלאָפן!
ווי אַ חלום פארפלויגן —
אַ מעשהלע מיט אן אומעטיקן סוף:

דער מענטש שליסט די אויגן,
אַ שווארצער שלייער פאַלט ארויף
אויף אים: פאר־ענ־דיקט — —
כאָטש ארום די צייט איז בלענדיק,

און אויפן הימל פינקלען שטערן,
נאָר דער מיראַזש אייביק
ווערט מיטאַמאָל שטייביק
און קען ניט מער פארשריבן ווערן...

צום נאַכטיגאַל

דו שיינער, זיסער נאַכטיגאַל,
וועק די וועלט, די טויבע,
מיט דיינע וווּנדערלעכע קלאַנגען —
פיל זי אָן מיט גלויבן!

מענטשן, חיות, דעם ארום
פאַרגאַפסטו מיט דיין טרילן,
הערט דיך בייזער לייב אין וואַלד —
הערט ער אויף צו ברילן.

אין דיינע שיינע צויבער־לידער,
פריידן פרייע זינגען,
פון דיין שפּילן, פון דיין שאַלן,
זיסע טענער קלינגען.

טאָ זינג זשע, קלינג זשע אָן אָן אויפהער
אויף דער טרויעריקער וועלט —
זינג אריין אַ ציטער גלויבן
אין האַרץ פון די, וואָס גליק זיי פעלט.

טאָג

קומט אַמאָל
אַ שווערער טאָג,
אָנגעפילט
מיט זאָרג און קלאָג.

פאַלט אַמאָל אריין דער טאָג,
ווי אַ וואָלף, מיט אַ געקלאָג,
צערייסט דיין לייב,
צעפרעסט דיין זעל —
בלייבסט, ווי שטויב
אויף אָונט־שוועל.

פון באַגינען ביז ביינאַכט,
טראָגסט די שווערקייט פונעם טאָג —
אויף דיינע פּלייצעס לאָדסט איר אָן,
אָן אַ מאָס און אָן אַ וואָג.

און דורך נאַכט, ביז קריי פון האָן,
שלעפּסט די מידקייט פון דיין שלאָף,
ווי עס שלעפּט דער אָקס זיין יאָך...
און דערנאָך —
ווידער טאָג,
זאָרג און קלאָג —
אזוי אָן סוף...

זאָג מיין פריינד,
דעם אמת זאָג:
אויב די זון ניט שיינט —
וואָס שיידט אונטער
נאַכט פון טאָג?

ערב שלאָף

ווען איך האַלט פארמאכט די אויגן —
אַ סגולה צום אנטשלאָפן ווערן —
קומען, פיל איך, אַנגעפלויגן,
געשטאַלטן — וועלכע איך האָב גערן.

געשטאַלטן שיינע פון פאַרצייטן:
אויגן־גלי און פיאות, באָרד —
שוועבן אָן פון אלע זייטן,
ווערט מיר גוט און לייכט מיר ווערט.

שמייכל איך צו די געשטאַלטן,
וואָס שפרייזן שטיל, ווי שטומע שאָף,
זיי טוען זיך א ווייל פארהאלטן
און — איך פאַל אין טיפן שלאָף.

נאַכט

זאָל אייך ניט שרעקן
די פינצטערניש פון נאַכט —
עס זיינען דאָ ברואים,
וואָס חושך זיי באַוואַכט.

ניט אמת עס איז,
אַז וועלט ביי דער נאַכט
שלאָפט אין איר טראַכט —
דאָס איז אויסגעדאַכט.

דער אמת עס איז:
די נאַכט קומט באַזאַכט —
און דורך איר טראַכט
ווערט לעבן געבראַכט;

און אויף איר אופן
די נאַכט לאַכט —
דאָס לעבן אין איר טראַכט
איז פול מיט רייץ און פראַכט.

יאָרן

ווי דער מענטש ווערט נאָר געבוירן,
יאָגן נעמט ער זיינע יאָרן —
וויל דאָס קינד שוין זיין א גרויסער,
וויל שוין זיין אליין א ווייסער;

ער וויל די שפילצייג שוין אָפּגעבן,
אבי וואָס גיכער צו דערלעבן
ראָזע יוגנט, העכער גרייכן —
צו אים ווינקען אלע הייכן!

און ווען דערגרייכט ער האָט די יאָרן —
ער איז א יונגער מאַן געוואָרן;
ווילן גיכער — יונגע אלע,
ווערן חתן, ווערן כלה.

נאָך דער חתונה ווערט שטיל —
הגם עס דרייט פון צייט די מיל —
און אָט אריבער איז אַ יאָר
קומט אַ קינד — א נייער דור.

קלייבן זיך די יאָרן ווידער —
זינגט מען קינדער זיסע לידער;
מ׳וויל שוין אייניקלעך דערלעבן —
זאָלן קינדער נחת געבן...

אזוי טרייבט מענטש אָפּ זיינע יאָרן
פון סאַמע טאָג פון זיין געבוירן —
ביז די עלטער קומט : אָ, שרעק,
ווי יאָרן זיינען גיך אַוועק !

באַפאַלט א טרויער און דמיונות,
טרויעריק מאַכט מענטש חשבונות :
אליין די יאָרן גיך פארטריבן —
פון לעבן גאָרניט איז געבליבן...

נאָך!!!

עס איז קיינמאָל
קיינעם ניט גענוג —
האָט מען איין מאָל,
ווילט זיך צוויי מאָל,
ווילט זיך דריי מאָל —
אָן אַ שיעור מאָל!
רק עס ווילט זיך נאָך,
און נאָך,
נ־אָ־ך!

האָט מען ווייניק —
ווילט זיך נאָך!
איז דאָ גענוג —
וויל מען נאָך!
איז צופיל פאראַן —
וויל מען ערשט דאַן
נאָך און נאָך
און — נאָך!

ווילן קינדער —
לויפן נאָך,
יאָגן נאָך,
שפּילן נאָך,
שטיפן נאָך!

ווילן יונגע —
אַ לעב טאָן נאָך,
אַ שוועב טאָן נאָך,
אַ ליב טאָן נאָך,
אַ דריי טאָן נאָך,
אַ פריי טאָן נאָך,
אַלץ — טאָן נאָך,
נאָך און נאָך !

מיטל יאָריק —
לעבן נאָך,
וועבן נאָך,
שטרעבן נאָך,
חלום נאָך,
שלום נאָך,
לאַכן נאָך,
זאַכן נאָך,
געלט נאָך,
גאָלד נאָך,
ווי אנדערע רייך —
מיט אנדערע גלייך,
ווייל מע זעט,
דעריבער — מע וועט
נאָך און נאָך !
און נאָך־נאָך !!

אַלטע לייט —
לעבן נאָך,

יאָרן נאָך,
געזונט זיין נאָך,
שטאַרק זיין נאָך!
און דאַן —
עשירות נאָך,
מאַיאָנטקעס נאָך,
גיטער נאָך,
הייזער נאָך,
ברייזער נאָך,
נאָך און נאָך,
נאָך־נאָך־נאָך!!!

אָ, נאַראָנים!
צו וואָס זיך יאָגן?
צו וואָס זיך פּלאָגן?
מילא, יונגע —
איז נאָך צו פארשטיין:
זיי קענען אויף אַן אָרט ניט שטיין!
אָבער אלטע —
צו וואָס נאָך?
פאַר וואָס נאָך?
פאר וועמען נאָך?
פאר וועז נאָך?
נאָר כדי צו פארזאָרגן
אַ ווייטן, פרעמדן מאָרגן — — —
— מען דארף ניט נאָך!
— מען טאָר ניט נאָך!
— גענוג שוין דאָך!!

ליבע און האַס

קען עפּעס נענטער זיין אין לעבן,
ווי קינדער אייגענע און ווייב ?
קען זיין אייגענער, דערנעבן,
ווי דיין בלוט־און־פלייש — דיין לייב ?

איז דעריבער ניט קיין ווונדער,
וואָס משפחה — בלוט און פלייש,
כאָטש יעדערער לעבט זיך באַזונדער,
דאָך פילט מען ניט קיין האַס, קיין בייז.

קען טרעפן אָבער אַ מאָמענט,
ווען ליבע אָפּט פאַרגייט אין האַס,
און פון נאָענטע ווערט מען פרעמד —
ענג ווערט אין דער זעלבער גאַס...

לעצטער גאַנג

ווילן קליינע קינדער לעבן —
ניט קיין ווונדער!
יונגע מענטשן ווילן לעבן —
ניט קיין ווונדער!
אַ מיטל־יאָריקער וויל לעבן —
ניט קיין ווונדער!
אַן עלטערער וויל לעבן —
אויך קיין ווונדער!

אָבער מענטשן קראַנקע, אַלטע,
הערצער — שוואַכע, גלידער — קאַלטע,
וואָס קענען מער שוין ניט געניסן,
און זייער לעבן — ריסן, ריסן;

מענטשן מידע און דערשלאָגן
פון וויסטע טעג, פון בייזע פּלאָגן,
וועלכע קענען זיך ניט העלפן,
און דער זייגער שלאָגט באַלד צוועלף שוין

אויך זיי זיך קלאַמערן צום לעבן —
זיי חלומען, זיי האָפן, שטרעבן,
און פאַרציטערט גאָר זיי ווערן,
ווען פון לעצטן גאַנג זיי הערן.

און ס׳איז פשוט גאָר אַ ווונדער,
וואָס אפשר איינער פון א הונדערט
לאָזט צו זיך צו דעם געדאַנק:
אויך איך בין גרייט צום לעצטן גאַנג!...

אין דער אמתן גערעדט —
געדארפט האָט זיין גאָר פונקט פארקערט:
אָפּגעלעבט דאָס ביסל יאָרן,
איז צו וואָס אליין זיך נאַרן?

גיין מען מוז דאָך — פריער, שפעטער,
ניט פאראַן פון טויט קיין רעטער —
ווייל ווער געקומען איז, געבוירן,
מוז ער שטאַרבן, גיין פארלוירן...

די פראָצעדור ווייס יעדער איינער:
אויף דער ערד עס בלייבט ניט קיינער,
צי ער איז א גרויסער ווייסער,
אַ פּראָפעסאָר, צי אַ קייסער;

צי ער האָט אַ גרויס פאַרמעגן,
צי די צרות ניט צום וועגן —
מענטש מוז היטן אין געדאַנק:
סוף זיינער איז — לעצטער גאַנג!

וועלט און גליק

האָט איר שוין געזען,
איז עס שוין געווען,
צי איז אזוינס געשען:
אַ מענטש זאָל ווערן
מיט גליק באַזעלט,
מיט ליכט באַהעלט —
עס זאָל זיך מערן
זיין שמחה און זיין פרייד
און קיינער זאָל ניט שטערן?
ניטאָ פאַלן אזעלכע!
מאַנכמאָל רעדט עמעצער פון גליק
און אין געדאַנק פלאָנטערט זיך
אַ שטריק — —

צי האָט איר אפילו
באַגעגנט גבירים —
פוסטע, שרייאיקע, צי שטילע —
מענטשן אדירים,
מאַגנאַטן מיט טיטלען,
וואָס זאָלן פארמאָגן
אמתן גליק?
זיי האָבן די מיטלען
און דארפן ניט קלאָגן,
אָבער וואָס זיי טראָגן

באהאלטן אין הארצן
קיינער פון זיי וועט ניט זאָגן;
זייער טאָג, זייער שוואַרצן,
זיי טוען באַשיינען
מיט ליכט, מיט א פאַלשן,
זיי מאַכן דעם אָנשטעל,
זיי טוען ניט וויינען,
ווען זון איז פאַרשטעלט
און שטריק אויפן האַלדז שוין — — —

האָט איינער עשירות,
פלוצים דערשפירט ער —
ס׳באַפאַלן אים מחלות.
האָט איינער רייכקייט
און געזונט נאָך דערצו,
קומען אים אַנדערע צרות
דאַן צו:
צרות פון ווייבער,
צרות פון קינדער,
צרהלעך קליינע
און גרויסע —
באזונדער!
טוט ער אַ צרה פארטרייבן
פון הויז,
וואַרט שוין אַ צווייטע
אין דרויסן —
גאָר גרויס!

פאַרמאָגט עמעץ מיליאָנען,
האָט ער זאָרגן מיליאָנען,
די רייכקייט דערשטיקט,
די רייכקייט דערדריקט,
זוכט אַ טראָפּנדל שיין
אין אזא איינעמס בליק,
אַ פונק פון אמתן גליק —
עס איז ניט פאַראַן!

נאָר ערגער דעם איז,
וואָס האָט ניט קיין געלט —
אזא מענטש אין קלעם איז,
עס ווארגט אים זיין וועלט,
פארשוווּנדן זיין פרייד איז,
זיין יעטווידער טאָג
פּיין איז און לייד איז,
טרויער און קלאָג.

און טאַקע צום שלוס,
ווען גאָט האָט פאַרזייט
שמחה און געַנוס,
טרויער און ווי —
וואָס איינעם באַשערט,
האָט ער אויסגעמישט זיי —
די מינים, די צווײ.
דערפאַר ערד־פּלאַנעט
שטענדיק זיין וועט
אַן עמק הבכא —

אַ טאָל פון געיאָמער,
אַן מזל, אַן ברכה ;
ווי מענטש וואָלט א טמא׳ער
אַראָפּ אויף דער ערד,
פאַריאָגט פון גן־עדן,
אז ווו וועלט האָט אַן עק
איז דער איינציקער צוועק
להרוג ולאבד —
די קינס אנטשיידן !...

דאָס שטיקעלע ברויט
איז דעם אָרעמענס ציל —
גליק טוט אים פאַרמיידן,
זיין לעבן פול ליידן,
די וועלט איז א קלעם אים ;
טאָ לאָמיר אָננעמען,
אז דער אָרעמער מענטש,
וואָס גאָט בראָט און ברענט אים,
קומט אָפּ זיין גיהינום
דאָ אויף דער ערד —
ווו דאָס גליק איז פארשטערט ;
און דעם גן־עדן
וועט ער געפינען
אויף יענער וועלט,
ווען מיט דער וועלט
ער וועט זיך צעשיידן...

ווייל אויב ניט אזוי —
ווי האָט עס אַ זינען,

ווי קליגט זיך,
ווי שיקט זיך,
אז איינעמס לעבן איז גרוי
פון גאָר זיין באַגינען,
פון סאמע געבוירן
ער טונקט זיך אין ליידן,
אָן גליק און אָן פריידן ?

דעריבער די וועלט
האָט אזא שיין פנים,
און דער גן עדן,
דער אחרית הימים
איז פון אונדז פארשטעלט.
ווער קען געבן באַשייד
אויף לעבן, אויף טויט,
אויף גליק און אויף פרייד ?
אפשר די צוקונפט —
די ווייטע, די שפּעטע,
וועט ברענגען פארנונפט
און די ליכטיקע פרייד
פון אן אמתן רעטער.

אַ פּאַבל וועגן דערציאונג

דריי יונגעלייט —
אַ פּנים גוטע פריינד —
האָבן בשכנות,
איינער ביי אַנאַנד,
איינגעשאַפּט זיך
יעדערער אַ הויז,
די גרויס —
ווי יעדער קען עס.

האָט איינער ביי זיין שטיבל
אויסגעגראָבן א קליין גריבל,
און פאַרפלאַנצט האָט ער א בוים,
וואָס זאָל מיט זיין גרין
באַפּוצן אים דעם בלויען רוים.

האָט דער צווייטער,
אויך דער דריטער —
ביידע שכנים
גענומען האָבן פלאַנצןביימער ;
אויף דער ערד געקראָכן,
אָפּגערייניקט שטיינער,
ווילדע גראָזן.

נאָר דער ערשטער שכן —
אַ מענטשל גאָר אַ בייזער,

אַ מענטשל גאָר א שטרענגער,
וואָס האלט זיך פאר א ווייסער —
האָט גלייך אויסגעפונען,
אז איבער ביימלס קעפּעלע
אויפשטעלן וועט ער א דעכעלע —
שיין און רונד.
ס׳וועט דאָס ביימעלע פאַרהיטן —
האָט ער געטראַכט —
פון אַ קלאַפּ, אַ וווּנד,
מען דאַרף עס פארזאָרגן
צאַרט און באַזאַכט —
זאָל ער זיין פארבאָרגן,
וועט שלעכטס זיין אויסגעמיטן.

דער צווייטער שכן אָבער
האָט געטאָן פארקערט —
ער האָט דאָס ביימעלע פארגראָבן
אין דער ערד,
און איבער אים,
ארום אים —
גרויסער הימל, ברייטע ערד.
ער האָט פון כלל געהאלטן,
אז וואַקסן קען א בוים,
ווען מען טוט אים ניט באהאלטן
אונטער דאַך און צוים.

אויך דער דריטער שכן
האָט געטאָן אזוי;

און ס׳נעמען ביימלעך פּאַכן
מיט צווייגלעך גרין — צום בלוי.
נאָר דאָס ערשטע ביימל
ניט וואַקסן קען קיין סך
אין זיין ענגן רעמל —
גרייכט ער ביז צום דאַך;
און דעכל טוט פאַרשטעלן
דעם וואָלקן און די זון —
הייבט אָן לופט אויספעלן
און דורשט פאַרפּייניקט אים...

און דאָס צווייטע ביימל
צעוואַקסט זיך אָן א ברעג,
ארויף, ארויף, צום הימל —
קיין זאַך שטייט אים אין וועג.
פראַנק און פריי ארום איז —
וואַקסט ער הויך און ברייט,
ווי אַ מאַמע זון איז —
וואַרעמט זי און גלעט...

דאָס דריטע ביימל בלויז
ווערט אָפּגעהיט, באַוואַכט —
ניט פאַרקלעמט, ניט לויז —
וואַקסט ער גאַר אַ פּראַכט.
פילט ער אָבער קנאה
פון זיינע שכנים צוויי —
עס בריט אים אָפּ די שנאה,
וואָס בלאָזט אויף אים פון זיי.

זוכט ער זיי אויפקלערן
מיט ווערטער — איידל, שטיל,
אפשר וועט אויפהערן
דער אַ בייזער שפּיל.
ער שעפּטשעט צו דעם איינעם:
„ווייסטו, ליבער פריינט,
ניט באַשולדיק קיינעם,
אַז די זון ניט שיינט
אויף קאָפּ דיינעם, דעם בלאַסן,
קיין רעגן מאַכט ניט נאַס אים —
עס איז נאָר דערפאַר,
ווייל אַ דאַך אַ טריבן
געבויט האָט דיר דיין האַר
און האָט די זון פאַרטריבן!
דעריבער איז קיין ווונדער,
אַז קראַנק ביסטו דערפון —
אָ, חבר מיינער, יונגער!
אנשטאָט ליכט און צוויט
אויף דיר דער שאָטן בליט...
צום לעבן — דאַרפסטו זון!

„און דו, מיין צווייטער פריינד,
דיין האַר געוועזן איז מילד —
ביסטו געוואַקסן ווילד;
צעבאַלעוועט און פריי,
שפּעט איז אָבער היינט
אַלץ אָנהייבן פונסניי...

„מיך האָט דערפאַר
מיין גוטער האַר,
ווי דאָס אויג אין קאָפּ געהיט —
באַזאַכט,
געניט,
באַדאַכט,
מיט מאָס און מיט געפיל —
ניט צו פיל,
ניט צו ווייניק;
געפּוצט, גערייניקט,
זאָרגעוודיק געכאָוועט,
אויפגעהאָדעוועט
און דערבראַכט מיך צו אַ ציל!"

* * *

און ווי בוים —
אזוי ווערט אויפגעבראכט א קינד,
מען דארף ניט פיל —
קוים
איין פאלשער שריט
און דער ציל
פארשווינדט.

א קינד, וואָס ווערט
דערצויגן שטרענג —
זיין יוגנט איז צעשטערט;
ער איז,
ווי אַ ביימל מיט אַ דאַך
איבערן קאָפּ:

זיין לעבן איז ניט זיס,
זיין כאַראַקטער שוואַך.

אַ קינד מיט בענקעניש געדענקט,
אז זיין פרייהייט איז געווען פאַרדרענגט,
אז אים געווען איז אַלץ פאַרווערט,
אז איבער קאָפּ זיינעם אַ דעכל הענגט,
ווי שאַרף פון שווערד...
ווי ס'דארף צו זיין
ווען שוין אזא קינד ניט זיין,
ווייל פון זיין בליק
פאַרשטעלט עמעץ די שיין;
ניט פול ווען זיין דאָס גליק,
ווייל דער ציל פארשאָטנט איז,
יעדער געניוס פאַרבאָטן איז
און ניט פול דערגרייכט!

אַ קינד — דאַקעגן —
סתם אויף גאָטס באַראָט,
וואַקסט, ווי אין ווינט
אָוועקגעשליידערט זאָט,
מיט צופיל זון און רעגן:
ווילד,
פאַרשפילט —
צו שאַנד און שפּאָט,
און זיין יעדער טראָט
באדראָט!

דער בעסטער וועג
פאר קינדער,
ווי פאר ביימער,
אָפּמעסטן דעם מעג
און טאָר
אויף אַ האָר —
ניט ווערן אַ שומר
אויף שריט און טריט
און אָנהענגען אַ שלאָס
אויף קינדס געמיט —
דאָס שאַפט פארדראָס;
אָבער אויך ניט
צו פיל ראָז
און צו פיל רוים —
אָן צוים!

אַ ביסל גרוי,
אַ ביסל ראָז,
אַ ביסל בלוי,
גרין און זון
און גראָז —
מיט מאָס!
און ס׳וועט אויסוואקסן
דערפון —
מיט געדולד און צייט —
אַ מענטש צו גאָט און לייט!

אין נאָמען פון מענטשן

חסידים, מתנגדים,
נטורי קרתא, כנענים,
אָרטאָדאָקסן, רעפאָרמער,
קאָנסערוואַטאָרן
און אלערליי —
רעכטע און לינקע —
יידן !

קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן,
פּראַוואָסלאַון, לוטעראַנער,
רעפאָרמיסטן —
און אלערליי
סעקטיסטן —
קריסטן !

קומען נאָך אנדערע רעליגיעס,
פאַרשיידענע נאַציעס,
ראַסן :
סעמיטן,
הינדוסטאַנער,
בודיסטן,
מאָנגאָלער,
קאָנפוציאַנער,

און אלערליי
אנדערע איסטן,
ווי זיי דאָרט הייסן.

נאָר אלע אינאיינעם
דינען איין איינציקן גאָט !
און אלע צוזאמען
מיט גרויס רעקלאַמע
דעם זעלביקן פּסוק זינגען –
די וועלט פארקלינגען :
„גאָט אונדזער פאָטער,
מיר — דיינע קינדער !
גאָט אונדזער פאַסטעך,
מיר — דיינע רינדער !"

און דער פּריסטער
(ניט זעלטן — א שינדער !)
דרשנט פון זיין הייכן טראָן :
„אָ, פאָטער ! כ'בעט און מאָן
פאר די זינדער !
זיי זיינען דאָך דיינע קינדער !
און ניט זעלטן
געפעלט אים
אַ טראַכט צו טאָן :
פי און רינדער...

זאָגן רבנים
תפילות און לויבן

צום גאָט, דעם געבענטשטן,
וואָס האָט זיין פאָלק דערהייבן
איבער אלע מענטשן!

„ער, וואָס וועט פארטיליקן די שונאים,
האָט אונדז געמאַכט פארשידן,
ווייל מיר זיינען יידן!
אתה בחרתנו —
האָסט אונדז אויסדערוויילט
און פאַרטיילט
צווישן פעלקער,
ווי שאָף צווישן וועלף
אין די וועלטישע וועלדער —
אָ, גאָטעניו, העלף!"

בודיסטן בעטן:
„גאָט, דו גערעכטער,
מיר דיינע קינדער,
דו — אונדזער וועכטער!
זיי אונדזער רעטער!
מיר פאַסטן תעניתים,
מאַכן סיגופים,
פארפייניקן אונדזערע גופים —
צו דיר, גאָט, מיר רופן!"

אזוי טוען תפילה
יעדער באזונדער —
צום איינציקן טאָטן,

נאָר מיט ריידעלעך שטילע
אין זייער הארצן
זיי טוען פארראַטן
איינער דעם צווייטן,
און וואָלטן וועלן זען
אַ סוף אַ שווארצן
אויף דעם און אויף יענעם...
כאָטש אלע גאָטס קינדער,
און גאָט איז נאָר איינער —
איז דען אַ וווּנדער,
אז גאָט וויל ניט הערן,
ניט ויסן פון קיינעם,
לאָזט אלעמען הפקר,
ווישט ניט אָפּ זייער טרער
און הערט ניט קיין איינעם!

אין עשרת הדברות
דאָס ערשטע געבאָט איז:
„איך, דיין גאָט,
פאַרזאָג דיר —
דין ניט קיין געטער פאַראַכטע,
ווייל איך כביכול
בין א כל יכול,
מיך שרעקט ניט קיין אָפּגאָט —
אַ גאָט א געמאַכטער:
ניט פון שטיין
און ניט פון ביין,
ניט פון גאָלד

און ניט פון האַלץ!
זיי קענען צו די הייכן
פון מיין טראָן
קיינמאָל ניט גרייכן!

„נאָר ס'האָט דער מענטש אַנדערש געטאָן:
ער גיט אריין אין נדן
הונדערטער תפילות —
לאַנגע מגילות,
אין הונדערטער שפּראַכן,
מיין אויער שוין טויב איז
פון זייערע לויבן,
אז הימל קען קראַכן
און ערד קען צעשטויבן
פון טענער, פון פאַלשע,
ווי אויף וועגן די רויבער...

„איר בויט פאַר מיר שולן,
בתי מדרשים,
קלויסטערס, מעטשעטן —
ניט ווערט אַלץ א גראָשן
איר מאַכט צערעמאָניעס,
איר פאַסט אויך א תענית,
עס איז מיר דערווידער
ב נ א מ נ ו ת!
ווער דאַרף די תעניתים —
דאָס פייניקן אייערס?
ווער דאַרף די טליתים?
ווער דאַרף אייער שלייער?

„אין בתי מדרשים,
אין קלויסטערס — דערהויבן;
ווער דארף אייער דאווגען?
ווער דארף אייער לויבן?

„צי האָב איך אין זינען
גאָר צו פאַרלאַנגען —
איר זאָלט פאר מיר זינגען
נאָך מער לויב-געזאַנגען?

„מיר זיינען דערווידער
אייערע לידער!
איר ווילט זינד פאַרגלעטן
מיט פאַלשע געבעטן.

„הערט אויף אייער האַסן!
הערט אויף אייער בענטשן!
הערט אויף אייער פאַסטן!
זייט פשוט — זייט מענטשן!
מיט אייער זיך רייסן,
מיט אייער זיך האַסן,
מיט אייער דערווידער,
מיט אייער זיין פרעמד
פון ברודער צו ברודער —
דערווייטערט איר גאָט!
איר מאַכט אים צו שפּאָט!
איר פעלשט זיין געבאָט!
פארוואָר, איר פארשעלט
אייער אייגענע וועלט!

„אויב איר ווילט קריגן
פרידן באגערטן,
יושר באַשערטן,
און צדק — זאָל זיגן ?
טאָ פאַרבייט זשע די תפילות
פון יעדן באזונדער,
און ס'וועט זיך באווייזן
מיין נס און מיין ווונדער,
איר וועט מער ניט בלאָנדזשען,
ניט פעלשן, ניט גרייזן !

„טוט תפילה צו גאָט
אין נאָמען פון מענטשן,
און זיכער זייט : גאָט
דערפאר וועט אייך בענטשן !"

נאָך געבוירן ווערן

האָט איר ווען אַמאָל געהערט,
ווי אַ קינד געבוירן ווערט?
מיט געזאַנג פול דער ארום,
און דאָס גליק איז אומעטום.

טאַטע, מאַמע, גוטע פריינט —
פרייד אויף פּנימער צעשיינט:
מזל טובֿס און ברכות פיל!
נאָר דאָס עופּהלע איז שטיל...

וויל ניט אויפמאַכן אַן אויג:
צוואָס די גרויסע וועלט אים טויג?
טוט אַ צאַפּל זיך מיט שרעק:
די וועלט — אַ שוואַרצער, מיאוסער פלעק...

גיט די אַם — אַ פריילעך ווייב —
אַ פּאַטש אים אויף זיין צאַרטן לייב:
עפן אייגלעך, זע די וועלט —
אַלץ פאַראַן איז, קיין זאַך פעלט!

נאָר דאָס עופּהלע ברעכט אויס
אין געיאָמער — הימל־גרויס:
„פאַרוואָס האָט מען ארויסגעבראַכט
מיך פון גוטער מאַמעס טראַכט?

„אפשר האָב איך ניט געוועלט
ארויסקומען אויף דער אָ וועלט ?
און ער ליאַרעמט מיט פּראָטעסט,
און זיין טומל פרייט די געסט.

ס'איז די שטוב פאַרפלייצט מיט שיין,
ווען טאַטע רוימט דער מאַמען איין :
„מיר וועלן ליבן אים צו זאַט,
ווי מיר האָבן זיך ליב געהאַט !..."

גסיסה־געזאַנג

ווער האָט דען אַמאָל געהערט
מענטשנס לעצטן ווײ־געזאַנג ?
ווער האָט דען אַמאָל געזען
די לעצטע רגע פון זיין גאַנג ?

אָט ליגט אַ מענטש און פייניקט זיך,
ער ליידט יסורים אזוי פיל ;
אָט ליגט אַ מענטש, ער מאַטערט זיך
און גוססט אין דער שטיל...

נאָר מיטאַמאָל — עס זינגט אין אים,
זיין לייב ווערט אָנגעפילט מיט רו —
ער ציט די הענט אויס און די פיס
און מאַכט די אויגן צו.

און דאָס פנים ווערט באַשטראַלט
מיט לויטערער גנאָד און שיין,
און ס׳טועך ליפּן אזא גלי,
ווי אַ שטראַל אין רויטן וויין...

געקומען איז ער אויף דער וועלט
מיט יאָמער און געוואַלד,
איצט — ביים סוף פון לעצטן וועג,
זיין לעצטע רגע שטראַלט — —

טויט

צי טראַכט גאָר מענטש ווען פון זיין סוף,
ווען אפילו ס׳וואַרט שוין טויט —
טויט מיט ציין און נעגל גרייט ?
ביז אָטעם לעצטן מענטש אלץ האָפט :

כ׳וועל די צרות איבערלעבן
און אלע בייזקייטן פארגעסן,
קראַנקייט וועט מיך מער ניט פרעסן,
איך וועל פרום זיין — צדקה געבן !

אָבער אומבאמערקטערהייט
שלייכט אריין דער טויט, דער סוף,
אויס מיט חלום, אויס מיט האָף,
דער מענטש אויף אייביק גייט — —

מצבות

א. טויטע וועלט

מצבות האָבן זייער היים
אויפן בית הקברות.
וואָס איז בית הקברות?
אַ בית עולם.
ווי טייטשט מען בית עולם?
אַ הויז פון דער וועלט;
אַ שטוב פון דער וועלט;
אַן אייביקע הויז!
איז דאָס וועלטס שטוב —
די אייביקע גרוב?
אויף אייביק אַ שטוב
פאַר דעם מענטש!...

שטייען אַלטע שטיינער,
יונגע, פרישע,
גרויסע, קליינע —
אויסגעבעט,
אויסגעגלעט,
מיט בלום,
מיט גראָז;
מיט פאַרבן באַצירט,
מיט גאָלד באַגילדט,

אפילו ראָז
שפּילט אריין
אַ ליבשאַפט־טאָן
אין סימפאָניע
פון בית עולם־סטיל...

רייען, רייען —
אויסגעשטעלט פיל, פיל!
מצבות — שטיל,
שטיל,
שטיל!
אומעטום —
אויף גאָרער וועלט,
ארום, ארום —
מיט מצבות באַשטעלט:
הונדערטער,
טויזנטער,
טויזנט טויזנטער —
מיליאָנען!

שטייען זיי יאָר איין, יאָר אויס,
שטייען זיי אין האַרבסט און פרילינג —
שווערע, שטומע, קליין און גרויס,
שטייען — זומערס, שטייען — ווינטערס,
אויף גרינע און אויף ווייסע צווינטערס;
היטן זיי די טויטע גריבער,
היטן זיי די טויטע שטיבער,
היטן זיי די טויטע וועלט —
היטן וועלט פון טויט און קעלט...

ב. מצבות ריידן

מיר לעבן אין אַ מאָדנער וועלט,
ווו לעבן איז אַ שפּיל,
נאָר ווען טויט קומט אויף דער ערד —
איינער איז זיין ציל.

מענטש מיט לייכטזין, אָן א חשבון
מיט די יאָרן שפּילט,
ביז עס קלאַפּט דער טויט אין טיר אָן —
מיט אַמאָל ווערט שטיל...

שטאַרבן אלטע, יונגע — קומען,
ווי די וועלט איז גרויס,
שטאַרבן ייִדעס, שטאַרבן באָבעס —
אַ גאַנצע וועלט שטאַרבט אויס...
און וואָס קומט דאַן ? וואָס איז שפּעטער ?
די פראגע אונדזער רו פאַרשטערט,
און דער ענטפער ליגט באַגראָבן
טיף — מיט מתים אין דער ערד...

* * *

מיר, שטומע עדות אויף די גריבער —
לעבן מיט מצבה־טויט,
מיר האָבן פון קדמונים ווייטע
טויט אויף לעבן אָנגעווייט ;
מיר זיינען איבער וועלט צעזייט —
מיר — די היימען פונעם טויט,

אין פעלד, אין וואַלד, אויף בארג און טאָל
זיינען קברים אויסגעשפּרייט,
ווייל צולעצט האָט מענטש געגומען
שטאַרבן גאָר לרוב —
ברענען, קוילן, גאַזן, מאָרדן —
טויט און חורבן אָן א סוף...
האָבן מיר, די טויטע שטיינער,
אויפגעוואַכט פון שטיינער־שלאָף:
ווער וועט א מצבה שטעלן
ביי דעם סאַמע לעצטן סוף? — —

אזוי געדרשנט אַ מצבה
האָט אין מיטן פעלד —
צו א גרויסן עולם שטיינער
איר פראַגע וועגן טויט געשטעלט.

* * *

פלוצים טוט אַ פלאַפּל גיך
אַ מצבהלע — גאָר יונג,
קיין שלושים איז זי נאָך ניט אלט,
נאָר עס קנאַקט שוין מיט דער צונג:

אוי, אַ מחיה,
אַ וועלט גאָר אַ נייע,
ווער האָט זיך אויף דעם גאָר געריכט?
געבראַכט מיך אהער
פון איינזאַמען פעלד,
צווישן מצבות — געדיכט;
עס איז דאָ די וועלט

אַ גרויסע, אַ גראַמע,
און גוט איז מיר דאָ
מיט אלע צוזאַמען!
ביינאַכט טוט אַ שטערן
אַ פאַל איבער מיר —
איך בין דאָ צום אייביקן סוד
איצט אַ טיר...

ווער האָט גאָר געטראכט,
ווער האָט גאָר געדאַכט,
אז אַ לעבן אַ ניי הייבט זיך אָן?
געווען בין איך עלנט,
אײנינק אליין,
אָן קרוב, אָן גואל, אָן פריינט.
בין איך דאָ היינט —
שטיין ביי אַ שטיין,
ווי גוט איז!
ווי פריילעך!
ווי שיין!

איצטער פארשטיי איך:
שוין מקדמונים
בין איך אַ טויטער געווען —
מיט אַנדערע שטיינער געלעגן פאַרשאָטן,
מיט אנדערע שטיינער געלעגן אָן אָטעם,
געווען מיט די טויטע צוגלייך...
איצט טו איך פאַרשטיין
פארוואָס צווישן אייך

איך וויל זיך היינט פרייען!
עס באָדט מיך די זון
אין גאָלדענע קוואַלן,
לבנה, זי קילט מיך
מיט זילבערנע שטראַלן,
אויף מיר פאַלן שטערן,
ווי גילדענע שטויבן —
דאָס לעבן איז אייביק,
איז אייביק,
איז אייביק!
מיר לעבן אויף גריבער, אויף טויטע -
פון אויבן!

* * *

דערהערט זיך אַ שטים,
ווי פעלדזן־געברום,
ס׳רעדט אַ מצבה אין יאָרן —
אַן אלטע מצבה
אויף אַ קבר אַן אַלטן,
ווי זי וואָלט געווען דאָ געבוירן:
ביסט נאַריש און יונג,
עס פלוידערט דיין צונג
און קומסט צו אַ פאַלשן באשלוס,
ערשט נעם אָפּ אַ גרוס
פון די עלטסטע פון אונדז:
אונדזער בליק איז פארצויגן
מיט מאָך און מיט שימל,
מיר זיינען געבויגן
צו דר׳ערד,

און דער הימל
מיט פייער ער שיט
און רונצלט
אונדזער שטייניקע הויט —
פון אונדז שמעקט מיט טויט !...

כ׳טו דיר פאַרגינען
דיין יונגשאַפט, דיין לוסט,
באַמאָלן מיט פאַרבן
פון זון אין באַגינען,
נאָר זיי דיר באַוווּסט,
אַז אויך מיר — מיר שטאַרבן ;
מיר זיינען ניט אייביק !
זיי זשע ניט גלייביק,
זיי זשע ניט זיכער,
שפּעטער, צי גיכער,
אויך שטיין ווערט פאַרוויאַנעט,
אויך שטיין ווערט פאַרדאַרבן ;
זעסט דאָרטן יענעם —
מיט מאָכן פון סאַמעט
פאַרוויקלט די גלידער —
ער איז שוין געשטאָרבן,
דער רעגן צענעצט אים,
פאַרזינקט אים אין נידער...

נאָר ערגער נאָך איז
מיט מענטש, וואָס אויף אייביק
אונטער אונדז קומט צו רו —

עס איז אזא ריס:
פון גלייביק ווערט שטייביק
און זיין וועג ביז צום גרוב —
זיין אייביקע שטוב —
ציט מענטש צו...
און כאָטש ס'איז זיין וועג
אַ פאַרזייטער מיט בלומען,
נאָר אין פינצטערע טעג,
ווען מענטש טוט אויסברומען
זיין ווי און געיאָמער,
ווי אַ געטראָפענע חיה
וואָס האַלט ביים קראַפּירן,
און די נחמה
שווער איז ווי בליי,
אויף אונדז אַ פּחד דאַן פאַלט,
און שטיינערנע הערצער נעמען זיך רירן —
מיר ווערן דאַן אַלט...

* * *

שטאַרקער פון שטיין
דאַרף איינער דאָ זיין,
צו הערן דאָס ביטער געוויין
פון מענער, פון פרויען,
די קינדער־געשרייען,
וואָס בלייבן פאַראיינזאַמט, אליין.

און דאָס וואָס מיר הערן
אין לויף פון די יאָרן —
אלץ וואָס געשעט און פּאַסירט,

קען איך דיר שווערן,
דעם אמת דיר זאָגן:
פון מענטשלעכע טרערן,
פון יאָמער און קלאָגן
מיין האַרץ פון אַ שטיין איז געריכט!

עס איז טאַקע אמת,
אַז מיט יעטווידן מת
קומט אַ ישועה פאַר אַ שטיין,
וואָס ליגט אין פעלד זיך אַליין.
אָבער ניט בלויז מענטש איינער —
אויך מיר די שטיינער,
וואָס לעבן, דוכט זיך, אייביק,
אפילו פון אונדז
ניט בלייבן וועט קיינער
יאָרן שפּעטער —
זאָל זיין מיליאָנען —
ווי מיר זאָלן ניט וועלן
זיך דערהייבן צו הויכן,
ווייל מיר שטייען איבער טויט —
זיינען יאָרן רויך,
רויך,
רויכן,
דעריבער, יונגיטשקע, זיי ניט פאַרטרויט,
אויך פאַר אונדז איז ניטאָ קיין רעטער!...

ג. הערן מצבות

אָט הערט אַ מצבה —
אַ שטיין שוין אַן אַלטער —
די טענות פון מענטשן אַ פּאָר,
זיי רייסן איין קברים,
זי — מיט פּיין,
ער — מיט צאָרן,
אַז זייער קינד זאָל זיין
צו לאַנגע יאָר!
אַ סקרוך אַ קאַלטער
גייט אַדורך איבער מצבה —
דער אַלטער...

אָט הערט אַ מצבה —
ס׳קומט אַן אַלמנה,
מיט ביטערע טרערן
באַגיסט זיך דאָס פּנים —
ווי ס׳וואָלטן געעפנט זיך קוואַלן.
מיט אַמאָל ווערט איר שווער —
זי קען שוין ניט שטיין,
שפּאַרט זיך אָן אַנעם שטיין —
די מצבה לאָזט זי ניט פאַלן...

אָט הערט אַ מצבה —
אַ פרישע און בלאַנקע —
צוויי קינדערלעך קלאָגן,

יונגיטשקע, שלאַנקע ;
דער גורל, דער האַרטער,
האָט זייער מאַמען, די צאַרטע,
אַהער דאָ פאַרטראָגן...
יתומים צוויי
וויינען ביטער,
און איבער זיי
די מצבה טוט אַ ציטער — —

אזוי הערן מצבות
געוויינען און טרויער,
זינט אייביקע יאָרן,
פון מענער, פון פרויען,
יונגע און אלטע —
אלע פארשילטן דעם טאָג פון געבוירן...

הערן מצבות געיאָמער אזוי פיל,
צרות און לייד אָן אַ ברעג ;
פרעגן מצבות :
איז פאראן אויף דער וועלט —
ערגעץ און ווו גוטע טעג ?

שטייען מצבות
אין טרויער געבויגן,
באדויערן מענטשלעכע דאָליעס ;
דערביי שטייעןביימער —
ארום די מצבות —
ווי שומרים, ווי שטומע,

אויף בידנע מזלות;
זיי טוען אַ בייג זיך צום פלויט
פון בית עולם,
אַ שאָקל, ווי ליפּן, די צווייגן,
אַ שעפּטשע פון לעבן, פון טויט
און פון מענטשן —
דעם מענטשן,
דעם טויטן,
דעם פוילן,
זיי בענטשן:
אָ, טויט!
און זויגן
דעם זאַפט,
וואָס גיט לעבן און קראַפט!
זיי זויגן,
זיי זויגן,
זיי זויגן — —

פֿאַראַדאָקסן

די גאַנצע וועלט —
אַלץ וואָס לעבט,
וואָס גייט און פֿליט,
וואָס קריכט און שוועבט,
וואָס וואקסט און בליט —
איז איינגעשטעלט
אויף פֿאַראַדאָקסן.

אפילו די נאַטור —
די שנור
פון פרילינגס, זומערס,
הארבסטן, ווינטערס —
קאַלט און וואַרעם,
הייס און מילד —
אויך זיי זיינען איינגעשטעלט,
ווי די גאַרע וועלט,
אויף פֿאַראַדאָקסן:
זונשיין, רעגן,
ווינטער, זומער —
ניט געמאָסטן,
ניט געוואוֹיגן...
און אָט די מאָדנע פֿאַראַדאָקסן,
זאָגן אלע אָרטאָדאָקסן,
געשאַפן האָט
נאָר איין גאָט!

אָן די אלע פּאַראַדאָקסן —
זאָגן ווייטער אָרטאָדאָקסן —
וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט;
ווייל אויב אלץ וואָלט זיך ציען
לויט אַ גלייכער ליניע,
ווי אַ שפּיל, אַ צוגעגרייטע פאַר דער בינע —
פון באַגינען ביז באַגינען —
וואָלט נודנע ווערן אונדזער לעבן:
קיין זאַך וואָלט ניט וועלן שוועבן,
קיין מענטש וואָלט ניט וועלן שטרעבן,
און ערד — די ווייטע און די ברייטע —
וואָלט דאַן געווען אַ ראַם אַ טויטע
פאַר די זעלבע בילדער, שפּילן,
און מענטש — אַ ראָבאָט, אָן א ווילן!
וואָלט אלץ געוואָרן דאַן צעשטערט
אויף גאָטס גוטער ערד.

האָבן מענטשן זיך פאַרנומען
אויף דעם זעלבן וועג —
יעדער צו זיין וועלט וויל קומען
מיט זיין אייגן שטעג:
איינער מיט משיח־חלום,
אַ צווייטער — מיט אַ שווערד —
פּאַראַדאָקס פון מאַרד און שלום
אויף אונדזער פּלאַנעט — ע ר ד!

האָבן מענטשן גענומען מאַכן
אלע משונהדיקע זאַכן,

וואָס נאַטור, מיט הילף פון גאָט,
געשאַפן אויף דעם פּלאַנעט האָט.
האָט מען געשאפן פּאַראַדאָקסן —
קיין זאך זאָל ניט גיין כשורה,
ניט האָבן זאָל די וועלט א צורה.
זאָגט נאָר איינער: זיין זאָל טאָג!
נאַכט זאָל זיין! אַ צווייטער זאָגט.
זאָגט א דריטער: איצט איז נאַכט!
שרייט אַ פערטער: וואַך זייט, וואַך!

דעריבער איז די גאַנצע וועלט
געוואָרן פול מיט פּאַראַדאָקסן,
ווידערשפּרוכן, ווי די קרעץ,
זיינען אויף איר אָנגעוואקסן,
און מען רייסט זיך, ווי די קעץ:
מלוכות ווידערשפּרעכן זיך,
שלום־קאָנטראַקטן ברעכן זיך —
פון דעם, להיפך, וואָס זיין דאַרף,
ווערט די לאַגע מער פאַרשאַרפט;
די שוועריקייטן וואַקסן הייך,
ביז צו מלחמות עס דערגרייכט,
און מיט א פינצטערן געוויסן
מענטשן טוען בלוט פארגיסן.
עס העלפט דערביי קיין גראדער שכל,
ווייל דער שטאַרקער איז ניט מוחל —
ער האלט אין רויבן אָן אַן אויפהער
שטיקער וועלט אלץ מער און מער!

ווען מענטשן האָבן זיך גענומען
אין פעלקער טיילן און רעליגיעס,
האָבן הערשער אונטער צוימען
פאר זיך געשאַפן פריווילעגיעס.
און זיי האָבן זיך געקליגט —
מענטשן איינגעטיילט אין ראַסן:
מענטש מיט מענטש זאָל זיין צעקריגט
און ברודער זאָל אַ ברודער האַסן.
און שפּעטער האָבן זיי באַשלאָסן:
איינטיילן זיך אין פּאַרטייען
מיט פּראָגראַמען, מיט פּארוואַסן —
ניט צו גיין אין איינע רייען,
אויף מחנות האָט מען זיך צעשפּאָלטן:
מענטש צו מענטש טוט האַס פארזייען,
און דער שונא ווערט פאַרשאָלטן
פאר כלומרשט הייליקע אידעען.

סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן,
ציוניסטן און בונדיסטן,
אריסטאָקראַטן, דעמאָקראַטן —
פאר איין מענטשהייט
הונדערט טאַטעס:
אין איין איינציקע אידעע
פּאַראַדאָקסן באַלד א מאה,
ביי קיינעם ניט קיין גראַדע ליניע,
ס'וואַקסט די קנאה און די שנאה
צווישן שפּרייזער אין איין ריי;
אין דער זעלביקער פּאַרטיי

פאַראַדאָקסן אלערליי:
וועגן אַלץ די זעלבע זאַכן
רעדט מען אפשר הונדערט שפּראַכן,
זעלטן ווו פאַראַן איין מיינונג,
זעלטן ווו פאַראַן באַלוינונג,
נאַר מ׳רייסט זיך — ניט קיין שוינונג
פון אידעען, פון דעם צווייטן;
פאַראַדאָקסן זייט מען,
זייט מען,
ווי די ווילדע גראָזן —
אומעטום עס וואַקסן, וואַקסן
גאַנצע בערג מיט פאַראַדאָקסן!

עס ציט די וועלט דער פאַראַדאָקס,
ווי דעם אַקער ציט דער אָקס,
ער לאָזט ניט אויפשיינען דעם חלום,
אויף דער וועלט זאָל בליען שלום!
איז וואָס זשע טוט מען היינט דעריבער?
אַנשטאָט צו אַרבעטן בציבור,
אז די סכנה זאָל אריבער,
זוכט מען אויף אַ ווילדן גיבור,
ברענגט ער אלערליי געווערן:
שווערדן, ביקסן, רעוואָלווערן,
האַרמאַטן, שיפן, סובמאַרינען —
מען גייט שוין באַלד אַראָפּ פון זינען:
ווי זאָל מען די וועלט פאַרצערן?
און אָט — נאָך בעסערס צוגעטראַכט:
די מלחמה פון אַטאָם,

וואָס וועט אריינוואַרפן אין תהום
די וועלט, און ברענגען נאַכט —
די לעצטע נאַכט צום לעצטן מאָל !
און אלץ אין נאָמען פון דעם חלום
אויף דער וועלט זאָל הערשן שלום !
און ווער זאָל ראַטעווען — ווער זאָל ?

פון פאַראַדאָקסן ביטערע
ווערט דער שלום שיטערער !
נעמט אפילו אַ משפחה —
וואָס געזאָלט האָט זיין אַ ברכה :
וואָס פאַר אַ באַטייט
האָט טאַטע־מאַמע,
שוועסטער, ברידער ?
אַ קלייניקייט !
איז אויך דאָ
אלץ קידער־ווידער...
שטאַרבט אוועק אַ טאַטע
און לאָזט איבער א ירושה,
הייבט מען זיך אָן רייסן
אויף אַלע גאַסן,
אז עס איז אַ בושה !
ליידער איז ניטאָ קיין פריינדשאפט
צווישן אייגענע משפחות,
גראדע להיפך — אויף צו להכעיס,
אנשטאָט פריינדשאפט
קומט אָפט פיינדשאַפט ;
און ס׳טרעפט דאָך אויך פאַרקערט —

מענטשן וועלכע זיינען פרעמד,
ווערן נאָנט, ווי אייגן העמד!

איצט, ליבער לייענער,
זיי מוחל,
פאַרשטיי נאָר:
נעם זיך אליין,
נעם דעם און יענעם,
און באַטראַכט די זאַך
מיט שכל!
האַ? דו טוסט אַ לאַך,
אַ שמייכל?
זיי זיך מודה!
זיי אליין דיין עדות!
ווידערשפרוך זיצט דאָך אין אונדז!
פּאַראַדאָקס איז אונדזער ווונטש!
מיר אלע, אלע, יעדער איינער —
שוואכע, שטארקע, גרויסע, קליינע —
טראָגן אין זיך דעם ווידערשפרוך,
דורכגעפלאָכטן דורך און דורך.
ניין, מיר טוען ניט אויפגעבן
דעם פּאַראַדאָקס אין אייגן לעבן!

אָט ווילן מיר דאָך לאַנגע יאָרן,
נאָר מיט אונדזער בייזקייט, צאָרן,
פארקירצן מיר אליין דאָס לעבן;
מיר טוען נאָר פאַנטאַזיעס וועבן,
אין די הימלען טוען שוועבן,

ס׳וואָלט צייט געווען אַ קלער צו געבן,
אז מיר אליין זיך ווידערשפּרעכן
אויף אַן אופן, אויף אַ פּרעכן —
פארלענגערט וואָלטן מיר די יאָרן,
ווען מיר מיט פאַראַדאָקסן שפּאָרן!

אזוי טוען אלע, אלע —
אַלע טראַכטן: מאַלע, מאַלע...
פון דעם ערשטן ביז צום לעצטן —
אזוי טראַכטן אלע מענטשן.
ברידער, שוועסטער,
טאַטע, מאַמע —
אנשטאָט אלע זיין צוזאַמען,
אַנשטאָט זיין אַ בונט אַ פעסטער,
ווערט א מבול פון פאַרטייען
מיט באזונדערע אידעען!

אויף אלע פעלקער, אלע אומות,
געקומען איז א גרויס מהומה,
און ווידערשפּרוכן, פאַראַדאָקסן,
ווי בערג, ווי גרויסע אַנגעוואַקסן;
פארשטעלן זיי דעם גראדן שכל
און מאַכן ענג ביים מענטש אין מוח׳ל;
און עס פרעגט דער מענטש מיט זאָרגן:
ווו ועט פאַראַדאָקס דערפירן מאָרגן?

צער בעלי־חיים

צער בעלי־חיים
איז פאַרזאָגט מן השמים !
דאָס מיינט :
די מענטשן דאַרפן זאָרגן
פאַר דעם היינט
און פאַר דעם מאָרגן
פון אַלע, אַלע בעלי־חיים —
זיי זאָלן האָבן וואָס צו קייען,
גענוג צו טרינקען,
זאַט צו עסן,
אפשר נאָך פון מענטשן בעסער !
דעריבער מוז מען חיות היטן
און זיי לערנען גוטע זיטן...

טאָ וואָס זשע איז דאָ פיל צו ריידן :
חיות טאָרן מער ניט ליידן !
פון אַן העלפאַנט ביז די מאָטן —
ניט פאַרניכטן, ניט אויסראָטן !
ווי אַ מענטש זאָלסט זיך אויפפירן
מיט דער חיה — גאָטס יצירה,
ווי פון הימל איז געבאָטן !

צי פון מורא
פאַר דער תורה,

צי מיט זייער גוטן ווילן,
צי פון איידעלע געפילן,
צי הומאַניטאַרע צילן, ,
צי אפשר גאָר יראת שמים —
האָבן מענטשן זיך גענומען
העלפן, נעבעך, חיות שטומע,
און געשאַפן אזא חברה :
צער בעלי־חיים !

מאַכן זיי מיטלייד־מאַנעווערס,
מיט פארגלאָצטע, פרומע אויגן
(מ׳האָט אויך דאַמען צוגעצויגן)
און מ׳טוט אלץ פראָקלאַמירן —
אלע מענטשן אגיטירן,
מיט רייד וואָס טוען ממש רירן :
אז מענטש צו חיה זאָל דערשפירן
אַ צאַרטע ליבשאַפט, ווי צו אייגנס,
און זאָל מיט האַרץ און מיט פאַרשטאַנד
מיט חיה ווערן נאָנט באַקאַנט —
אויב ניט — ועט עס גאָרניט טויגן...
חיה־לעבן איז ניט ביליק,
דעריבער מוזן אלע ווילן
שאַפן אַ רחמנות־בונד :
פאַרהיטן חיה איר געזונט !

און די נאָבעלע אידעען —
פון מיטגעפיל צו בעלי חיים —
האָבן זיך גענומען שפרייטן

אין אלע וווייטן, אלע ברייטן.
און די זאָרג געוואָרן גרויס איז
פאַר דעם פוקס און פארן אייזל,
פאַר דעם אָקס און פאַר דעם פערד,
וואָס מאַטערן זיך אויף גאָטס ערד;
פאַרהיטן, שוינען דאָס געזונט
פון דער קאַץ און פון דעם הונט!

וואָלט זיך טאַקע אָט די מענטשן
וועלן לויבן, וועלן בענטשן
פאַר די כוונה — הייליק־ריינע,
פאַר זייער מי — די ערלעך־שיינע,
נאָר פאַרדעם ווילט זיך עפּעס פרעגן —
אויב זיי האָבן ניט דאקעגן:
ווי שטייט דער מענטשן־מין ביי זיי,
חיה — מענטש — אין זעלבער ריי?
אין וועלכע רייען,
הערן חשובע און דאַמען,
אין וועלכע ראַמען,
איז ביי אייך דער בחיר הבריאה?
און צו וואָס פאַר א נטיה
דארף מענטשנקינד
(הגם חיה איז ריין פון זינד)
פאררעכנט ווערן?
און צו וואָס פאַר אַ מדרגה
קען מענטש זינדיקער
ביי אייך גרייכן און געהערן?

אַט א שטייגער,
לויט מיין שכל הישר
איז קיין צווייפל ניט ביי מיר,
אסור !
אז ברודער־מענטש, בלי שום ספק,
מוז מען פאַרלויפיק
נאָך אלץ שטעלן אויפן ערשטן אָרט !
מען דארף דאָך ניט אויף דעם קיין ראיות,
אז מענטשנקינד —
צווישן אלע חיות —
העכער שטייט פון שאָף און רינד !
(און מיר זאָגן עס ניט, כדי זיך צו באר,ימען) :
אפילו די צער בעלי־חיים־ענטוזיאַסטן
נעמען זיי ניט פון די שטאַלן
צו זיך אין די שטיבער —
ווייל עס פּאַסט ניט...

דעריבער —
איז עס שווער און אומפאַרשטענדלעך,
אָפט — געמיין און שענדלעך,
וואָס אַ מענטשלעך וועזן
איז פון די צער בעלי־חיים־לייט,
ווי פאַרגעסן —
ווען אפילו מענטש אויף מענטש
עס רייט !...
ווען ביי אַ מענטש איז גרויס די נויט
און ס׳פעלט אים אָפט א פענעץ ברויט —
איז ביי זיי דער הונט גאָר וויכטיק,

און די קאַץ — צו האַלטן ציכטיק.
ווו זיינען אַט די נאַבל־לייט
געווען אין יענער שווערער צייט,
ווען געצויגן האָבן רויכן
פון גאַז־קאַמער צו הימל־הייכן?
ווען ס'האָבן שיכורע באַנדיטן —
מיליאָנען ריינע, שיינע יידן,
און עופּהלעך — צאַרט־אומשולדיק —
טאָג און נאַכט געברענט געדולדיק?
ווען פינצטערע און ברוינע שווינען,
האָבן יאָמער גרויליקן און פּיינען
פון זיידעס, טאַטעס, מאַמעס, קינדער,
געשאַכטענע — ווי שאָף און רינדער,
פארשווענקט מיט אָרגיעס און מיט וויינען?

אין יענע גרויליק שווערע צייטן
האָבן אַט די נאַבל־לייטן
זיך פאַרנומען מיט די חיות —
געהיט זייערע העוויות...
זיי האָבן ניט געוואָלט גאָר הערן,
און אויב יאָ — ניט צו גערן,
פון דעם אומגליק פון א פאָלק,
אויסגעשאַכטן אַן אַ טאָלק!
איז אָבער ווו אַ הונט געפאַלן,
האָבן זיי געגומען שאַלן
מיט געליאַרם, מיט געשרייען,
מיט געקלאָגן און געווייען,
ווי ס'וואָלט די וועלט בקרוב

דארפן ווערן אַש און חרוב —
צוליב איין איינציק הינטיש לעבן
ועט גאָט די וועלט שוין ניט פארגעבן !...

ווו איז זייער שטים געוועזן,
ווען ס'איז מענטש געוועזן אין קלעם ?
זיי האָבן זייער עקסיסטענץ
מיט הונט פארבונדן —
ניט מיט מענטש !
עס איז אַ הינטישע מלאכה,
וואָס קען ניט ברענגען מזל-ברכה !
דעריבער נעמט זשע אָן מיין ראַט :
צוערשט פאַרזאָרגט דעם מענטש צו זאַט ;
ווייל אין דער ביבל שטייט געשריבן :
זאָלסט דיין ברודער-מענטשן ליבן !
טאָ האָט אויף מיר ניט קיין פאראיבל —
טאַקע נאָך אַמאָל די ביבל,
קוקט אריין — די אַלטע נייעס :
מענטש פאר מענטשן טראָגט אחריות !
צוערשט קומט מענטש,
נאָך אים — די חיות ;
דער מענטש צוערשט מוז זיך באַנייען,
דאַן קומט — צער בעלי-חיים !

אַלעגאָריע

און

משל

מוראַשקעס אויף אַ שטיין

ליגט א גרויסער, גרויער שטיין
אויפן שפּיץ פון באַרג אליין,
ליגט אזוי פאַר טויזנט יאָר —
ניט קיין ריר זיך אויף אַ האָר.

אויף זיין נאַקן, אויף זיין בויך,
דראַפּען זיך מוראַשקעס — הויך,
אָבער רואיק ליגט דער שטיין
אויפן שפּיץ פון באַרג אליין.

סודען זיך מוראַשקעס, שטיל:
„שטיין פאַרמאָגט דאָך כוח פיל,
מיט אַן אַקסל נאָר אַ דריי,
וועט אונדז זיין דאַן ווינד און וויי!"

ענטפערט שטיין גאָר רואיק, שטיל:
„עס אַרט מיך ניט מוראַשקעס־שפּיל...
אדרבא, גאָר פארקערט,
דרייט אייך, פרייט אייך אומגעשטערט!"

און מוראַשקעס — דין־דין, קליין,
באַדעקן זייער וועלט — דעם שטיין,
ווי שוואַרצע שטראָמען יאָגן אום —
דער שטיין אַ שווערער ליגט און שטומט...

אַ שוועבעלע

יאָרן לאַנג געגנומען האָט,
זינט בראשית אינעם וואַלד —
ביז דער אלטער, גרויסער בוים
אין שוועבעלעך זיך שפּאַלט.

אַלע שבעה מדורי גהינום
גייט אדורך א שוועבעלע,
ביז וואַנעט עס דערלעבט שוין קוים
דאָס שירקע קעפּל־שנעבעלע.

ליגן שוועבעלעך אין קראָם
פּאַר יאָרן און פּאר טעג,
ביז אַ קונה קויפט זיי אָפּ
און נעמט זיי מיט אין וועג.

אָבער ביז דאָס לעבן קומט,
זיי ליגן ווייטער שטיל —
אין שאַכטעלע צונויפגעדריקט,
אין חושך איינגעהילט.

קומט שוין אָבער גוטע שעה:
ס׳טוט לעבן זיך אַ צינד —

האַלט עס קוים א רגע אָן
און פלאַקערט אויס געשווינד...

איז עס גאָר כדאי געווען
גהינומס אזוי פיל,
פאַר איין רגע אויפפלעמלען —
יאָרן ליידן שטיל ?

אַ פידל

אַ פידל געהערט
צו דער קלעזמער־משפחה :
זי, די פידל אליין,
איז די בייכיקע מאַמע ;
דער טאַטע
איז דער לאַנגער סמיטשיק,
און די קינדער —
אלע סטרונעס,
קליינע און גרויסע.

שלאָפן זיי זיך שטענדיק
אלע צוזאַמען —
אין אַ קעסטל
מיט זיידנס אויסגעבעט —
און שווייגן.
אזוי שלאָפן זיי אָפּ
טעג און נעכט,
ביז מיט איין מאָל
כאַפּן זיי זיך אויף,
טשוכען זיך אויס,
קריכן ארויס
פון די זיידענע וועש,

און נעמען זיך
אַלע צוזאַמען —
אַ לעב טאָן!

גייט מען אויף חתונות,
מען גייט אויף קאָנצערטן,
גייט מען אויף שמחות —
מען גייט,
ווו נאָר מענטשן
קומען זיך צוזאַמען
און ס׳איז פריילעך!

לייגט זיך מאַמע־פידל
אויף א ווארעמען אַקסל
און דערפילט א לעבעדיקע
צאַרט־זיידענע באַק.
נעמט טאַטע־סמיטשיק
שפילן זיך
מיט סטרונעלעך־קינדער:
דער טאַטע, ער גלעט,
גלעט און ער קיצלט —
ווערן די קינדערלעך
לעבעדיק, פריילעך,
פארשיכורט מיט קלאַנגען;
ס׳ווילט זיך זיי זינגען,
ס׳ווילט זיך זיי טאַנצן,
ס׳ווילט זיך זיי שפילן,

באַגלייט פון די טאַצן
וואָס קלינגען.

מיט אַמאָל הייבט דער טאַטע
זיי אָן צו פארשטילן;
טאַטע איז אומעטיק —
פריילעכקייט הייבט אָן
צו זינקען,
די שטימונג —
אַ געדעמפטע, אַ מאַטע,
פאַלט אויף די קינדער,
די סטרונעס — די קינדער —
פאַרגייען אין וויינען...

מאַמעס אויגן
מיט טרערן שיינען:
„דאָס איז טאַטעס מיין —
קינדער דאַרפן קענען
טאָן אַ וויין
טיף פון האַרצן!"
און מאַמע־פידל פרייט זיך,
קלייבט נחת פון די קינדער;
דער טאַטע־סמיטשיק מיט מער פייער
צעצינדט זיך...

אזוי לעבן פריילעך־אומעטיק
די קלעזמער־משפחה:

מאַמע־פידל,
טאַטע־סמיטשיק
און קינדערלעך־סטרונעס —
זיי וויינען אויס
מיט געזאַנג
ביים מענטש אויפן אַקסל
זייער פרייד,
זייער טרויער,
זייער לייד.

לײדיקע מילך־פלעשער

פאַרטײַעטע אין שטומקײט שטײען
פלעשער לײדיקע פון מילך,
טוען זײ זיך אַ באַריר,
ווערט אַ טומל, אַ געהילך.

אינעם חושך פון דער נאַכט,
ווײַסלען זײ מיט שרעק, מיט שטומער,
און פון טוליען זיך צוזאַמען,
וואַקסט דער פּחד, דער געיאָמער.

זײ פאַרשרײַען זײער מורא —
און גאַס ווערט פול מיט גלאָז־געקלאַנג,
די פלעשער אויפן שווערן וואָגן
טרײַסלען זיך — אַ שרעק־געזאַנג.

זעגן זײ אדורך די נאַכט,
רײַסן מענטשן אויף פון שלאָף —
די פלעשער לײדיקע פון מילך,
זײ ציִען אויס די נאַכט — אָן סוף...

לאָמפּן

אין דער שטאָט אויף אַלע גאַסן
לייכטן לאָמפּן פיל,
צו דער ערד זייער געפינקל
פאַלט באַשיידן, שטיל.

אנטלויפט דער חושך פון די גאַסן,
פארטייעט זיך אין פעלד —
און דאָס ליכט טוט אים פארטרייבן
פון דער גאָרער וועלט.

שלאָפן לאָמפּן אין די טעג,
פינקלען נאָר ביינאַכט,
האַלטן זיי מיט פלעמלעך ליכט
די גאַנצע וועלט באַוואַכט.

זעען לאָמפּן ליכטיקע,
וואָס טוט זיך אַלץ ארום —
צערייסן גאָר די פינצטערניש,
וואָס רינגלט זיי ארום.

פּאַפּיר אין ווינט

ארויסגעשליידערט דורך אַ טיר
האָט עמעצער אַ שטיק פּאַפּיר,
האָט עס אויפגעכאַפּט דער ווינט
און אוועק מיט דעם געשווינד.

מיט יעדן דריי פון שטיק פּאַפּיר
ברודיקער ווערט זיין קאָליר,
ביז ער צו אַ בוים דערפּליט
און ווערט דעם בוימס אַ סאַטעליט.

לאַכט פּאַפּיר פון גאָרער וועלט:
כ׳פּייף אויף היץ, כ׳פּייף אויף קעלט —
איך בין לייכט, פלינק און גרינג,
צוזאַמען מיטן ווינט איך זינג.

פאַרדריסט דעם ווינט, ער איז פאַרביי
פון פּאַפּירס באַרימעריי,
און קיין רגע ניט געקלערט
טוט ער אים אַ הייב פון דר׳ערד;

און אַ שליידער אויפן בוים:
„דאָ וועט איצטער זיין דיין היים!
פּרוווּ אַ ריר זיך טאָן אָן מיר,
דו שלימזלדיק פּאַפּיר!״

פאַרדרייט פאַפּיר זיך אין אַ צווייג
און פאַר חרפּה מאַכט אַ שווייג:
מיט איין וואָרט פאַרשפּילט מיין וועלט!
און ער טרייסלט זיך פאַר קעלט.

קראַכט אַ דונער, פּאַטשט אַ רעגן,
ס׳פּליט אַ שטורעם אָן אַנטקעגן,
און פּאַפּיר ווערט שוואַך און מאַט:
וואָס האָט ווינט צו מיר געהאַט !...

דער רעגן שמייסט מיט גרוי׳סע טראָפּנס
צופּוסנס פון פּאַפּיר, צוקאָפּנס —
ווערט זיין שוואַכע לייב צעריסן
און זיין חוצפּה ווערט צעשמיסן;

ער ווערט אויף פּיץ־פּיצלעך צעפאַלן
און שווימט אַוועק מיט וואַסער־קוואַלן,
און ווי ס׳גייט אַוועק אַ רויך —
פון פּאַפּיר בלייבט ניט קיין הויך.

אַן עלעקטריש קעסל

שטייט בכבודיק אין קיך
אַן עלעקטריש קעסל,
איז ער אַ בעל־גאווה, רונד —
אַ בייכל, ווי אַ פעסל.

כ׳צינד באַזאַכט דעם קעסל אָן,
דאָס וואַסער הייבט אָן זשומען,
מיט אַמאָל ווערט אַ גערויש,
ווי טויזנט שדים ברומען.

און ער צעגרילצט זיך יחסנדיק:
„אכטונג, מאַכט אַ ווארע!
כ׳בין די לעצטע מאָדע היינט!״
צעפייפט ער זיך מיט פאַרע.

טו איך אַ כאַפּ אים ביי דער נאָז:
„געמיינער וואַסער־זינגער!״
גיט ער א פייערדיקן בלאָז
און ברענט מיך אָפּ אַ פינגער.

ווער איך אויפן קעסל בייז:
„געזען אַן עזות־פּנים!״

בולבלט קעסל אָפּ מיט היץ :
„כ׳ברי נאָר אָפּ נאַראָנים !״

היט איך מיך שוין פון דעם טאָג
פֿאַר דעם הייסן שרייער,
פון דער ווייט כ׳קוק אים אָן
און היט זיך, ווי פֿאַר פייער.

חיות און טויבן

„עס זיינען ליגנער און באַטריגער
די בייזע חיות אינעם וואַלד,
ווען זיי זאָגן, אז פאר מענטשן
זיי צעלויפן אין באַהאַלט.

„ווייל די מענטשן זיינע בייזע,
זיינען ווי גזלנים — שלעכט,
אונדז זיי טויטן גאָר אָן רחמים,
און תמיד בלייבן זיי גערעכט".

אזא גרוס אויף אַן אסיפה —
געבראַכט האָבן אַ פּאָרל טויבן,
וואָס האָבן אין אַ וואַלד פאַרבלאָנדזשעט,
זיי האָבן מענטש גענומען לויבן:

„קוקט און זעט, ווי מיר דאָ לעבן
מיט די מענטשן — נאָנט, דערנעבן,
ווי צו אונדז זיי זיך באַציען —
צי קען גאָר פריינדשאַפט בעסער בליען?

„זעט די ליבע, שיינע קינדער,
פאַר זיי מיר זיינען גאָטס אַ וואונדער,

מיט קערנער טוען אונדז באַגליקן —
פון די הענטעלעך מיר פּיקן.

„מיט מענטש מיר חברן זיך גערן
און ער טוט זיך גאָרניט ווערן,
מיר האָבן פאַרן מענטש קיין מורא —
כאָטש עס איז ביי אונדז די ברירה !"

אַן אלטע טויב, געניט אין לעבן,
בעט אַ וואָרט מ׳זאָל איר געבן :
„ניט באַגייסטערט זאָלט איר ווערן —
מען מוז דעם צווייטן צד אויך הערן !"

חיה און מענטש

„דער מענטש האָט אַ מאָראַל אזא —
ער מאָרדעט און ער שרייט הוראַ!
ער פּרעדיקט: הייליק איז גאָטס גאָב,
און מיין חברס גוטס און האָב;

„מענטש צו מענטש אַ פריינד דאַרף זיין,
ניט פאַרשאַפן דעם חבר פיין!
אָבער האַרץ פון מענטש איז שטיין,
און ווו מענטש — דאָרט איז געוויין".

אזוי געברומט האָט לייב אין וואַלד
צו אלע חיות — יונג און אַלט:
„וואָס מיר האָבן איצט צו טאָן —
דעם מענטש אַראָפּזעצן פון טראָן!

„זעט נאָר, מאַכט נאָר א פארגלייך,
וויפל לעבנס אומגעבראַכט
האָט מענטש אין זיין געשיכטע־לויף
און עס נעמט אַלץ ניט קיין סוף.

„און זעט נאָר דאָ, ביי אונדז אין וואַלד,
(שרייען מוז מען דאָך גוואלד!),

מיר מאָרדן ניט אזוי זיך גלאַט,
ווען מיר זיינען פול און זאַט;

„איז ביי אונדז געוויסן ריין,
אָבער מענטש בלייבט דאָך געמיין,
ער איז גיריק, שלעכט און בייז
און זיין דורשט נאָך בלוט איז גרויס.

„דעריבער קעמפן מוזן מיר
מיט אַלע כוחות, אָן אַ שיר,
אז טיטל מענטש זאָל אונדז געהערן,
פון נאָמען מענטש זאָל חיה ווערן".

די שפּין און די פליג

האָט די שפּין איר פיין געוועב
געשפּינט אַ גאַנצע נאַכט,
ביז אין זוניקן פרימאָרגן
פאַרטיק עס געמאַכט.

פון איר ווינקל ביים סופיט,
אין געפלעכט — זי שטאַרט,
דורכזיכטיק איז דינע נעץ,
אויף אַ פליג זי וואַרט.

ווינקט זי צו דער ערשטער פליג:
„קום, ברודערקע, אריין,
גאָר אַ ווילער גאַסט וועסטו
אין מיין קאַמער זיין...״

פליט די פליג זיך פראַנק און פריי
מיט זשומיקן געזאַנג,
ביז זי פאַרפּלאָנטערט זיך אין נעץ —
פאַר דער שפּין אַ פאַנג.

„אַ גוט מאָרגן, ליבער גאַסט!״
שפּין זאָגט צו דער פליג,

„וועסט שוין בלייבן דאָ מיט מיר —
קיין וועג פירט ניט צוריק...“

וואַרפט זיך, צאַפּלט זיך די פליג,
זשומט זי מיט געבעט ;
גיט די שפּין איר צו פאַרשטיין :
„שפּעט, מיין פריינד, צו שפּעט !...“

שפּינען

נאַכט.
פינצטער.
צווײ שפּינען באַגעגענען זיך,
שפּינענדיק זײער װעב,
באַקלאָגט זיך אײן שפּין פאר דער צװײטער:
„װען די גאַנצע װעלט שלאָפט,
מוזן מיר אַרבעטן —
שװיצן אין קעלט און אין היצן,
פארטיק צו מאַכן די שפּינװעבס —
פּאַכן אויף פּאַכן —
און אַלץ נאָר,
כדי צו פאַרנאַרן אין אונדזערע שפּאַלטן —
אַ מיזערנע פליגעלע צו פאַרהאַלטן...

„אָ, מיר זײנען שפּינען בלויז —
גאָט-געשטראָפטע!
זע אויף טשעקאַװעס
די בינען:
זײ היט מען,
זײ גיט מען פון גרײטן,
צו טרינקען, צו עסן,
זײ האָבן קײן זאָרגן —
אפילו זײער שטאָך װערט פאַרגעסן...
װאָלט עס מיר געװײנלעך

גאָרניט פאַרדריסן,
ווען ניט די מענטשן־שנאה צו אונדז,
וואָס איז אזוי געמיין
און פארביסן.
אונדזערע נעמען מען וויל ניט הערן,
און טאָמער טוט שוין יאָ אַמאָל עמעץ
אונדזער נאָמען דערמאָנען,
טוט ער מיט גיפט עס באַטאָנען:
איך האָב דיך פיינט ווי אַ שפּין!
איז עס דען סתם, אָן אַ זין,
דער פּיזמון פון האָס,
ווען מענטש ווערט אין כעס?
ווילט זיך מיר טאַקע
די מענטשן אַ פרעג טאָן:
פאַרוואָס אזא שנאה?
איז עס פון קנאה
צו אונדזערע שפּינען
פון וועלטס אָן באַגינען?
צי האָבן מיר גאָר אמאָל באעוולט
די מענטשן, די האַסער?
צי האָבן מיר גאָר אַמאָל באגזלט
די מענטשן, די כעסער?
צו זייער עשירות,
צו זייערע ביסנס געשמאַקע,
צו זייער גבירות
מיר רירן זיך אסור צו —
מעג עס האָבן אפילו
טעם גן־עדן.

און אפילו צו יענע,
וואָס מאַכן זיי חרוב,
זיי האָבן קיין טענות ניט,
נאָר מיר זיינען ערב.
און וויפל אַ שטייגער, אינזעקטן,
וואָס זיינען פאַר מענטשן גאָר שעדלעך,
פאַרניכטן, מיר טוען צעשטערן
נאַכט-נעכטלעך, טאָג-טעגלעך ?"

מיט ביטערניש ענטפערט
די שפין איר, די צווייטע,
זי האָט שוין דערפאַרונג
אין לעבן — א ברייטע :
„מיך וווּנדערט עס זייער,
מיין טייערע, ליבע,
דו קענסט ניט דעם מענטשן
און טעג זיינע טריבע.
דו מיינסט, אז דאָס לעבן
ביים מענטש איז כשורה,
דו מיינסט, אז זיין לעבן
האָט אַ מענטשלעכע צורה ?
ביסט נאָך וואַרשיינלעך
ווייניק דערפאַרן :
איין מענטש דעם צווייטן
כסדר טוט נאַרן ;
מענטשן פאַר טובות
באַצאָלן מיט פּיינען,
אונטער דער פריינדשאַפט

איז רשעות פאַראַנען.
געפילן פון פיינדשאַפט,
ווי שפינוועבס זיי וועבן,
פאַר אַ גוטע עבירה
וועט מענטש דיר אָפּגעבן
די צען געבאָט,
מיט זיין גאָט,
מיט דער הייליקער תורה...

„דעריבער ניט וווּנדערן
זאָל דיר זיין פירונג,
זיין לעבן איז זינדיק —
גאָרניט קיין צירונג.
טאָ הער זשע מיין עצה:
אַ שפין מוז זיך זאָרגן
פאַר שפינוועבס אויף מאָרגן,
ניט וואַרטן אויף גרייטן!
נאָר פון מענטש זיך דערווייטער —
ער וועט דיך דערווערגן,
פון לויער דיך טויטן!“

פייגל און קערנער

סטייעס פייגל
אָן אַ צאָל,
אָן אַ ברעג,
פליִען אָן אויף א פעלד
מיט קערנער באַדעקט.

פיקן אויף די פייגעלעך
די גאָלדענע קערנער —
דרייען זיך,
פרייען זיך,
אלע צוזאַמען,
אלע אינאיינעם —
איין משפחה!

פייגעלעך־שוועסטער,
פייגעלעך־ברידער,
טוליען זיך
איינע צו די אנדערע —
פלאַטערן פון פרייד,
שפרינגען פון פארגעניגן,
טאַנצן פון שמחה,
וואָס גאָט האָט זיי
געהאָלפן אין א נויט

און צוגעשיקט
קערנדלעך ברויט!
אזוי —
איין טאָג,
אַ צווייטן טאָג,
ביז פייגעלעך
האָבן די קערנדלעך
אויסגעפיקט,
פארשלונגען —
אלץ איז פאַרשוווּנדן!
קוים געבליבן
וווּ ניט וווּ
אַ קערנדל,
דאָ און דאָרט
זיך וואַלגערט
נאָך איינס
איבערן ליידיקן,
מאָגערן פעלד.

אָבער —
פייגעלעך ווערן ניט
אנטוישט,
קומען זיך ווידער
צוזאַמען —
זיי זוכן,
זיי זיפּן דורך ס'פעלד,
נאָר קיין קערנער
זיינען מער ניטאָ...

יאָגן זיך צוזאַמען
הונגעריקע פייגעלעך
צו אַ פארוואָגלט קערנדל —
שלאָגן זיי זיך
איבער א פארוואָרלאָזט קערנדל:
איינע די אנדערע
נעמען זיך פיקן,
נעמען זיך קריגן,
נעמען זיך בייסן,
נעמען זיך רייסן,
אלע —
פאַר איין קערנדל.

דוכט זיך —
נעכטן ערשט
געווען שוועסטער און ברידער,
געהאַלדזט זיך,
געקושט זיך,
געפרייט זיך,
אלע צוזאמען!
און היינט —
ביטערע שונאים!
איינער דעם צווייטן
וואָלט וועלן דערשטיקן,
די אויגן אויספיקן,
און אלץ —
פאר איין קליינטשיק קערנדל
צו שטילן דעם הונגער.

* * *

און ווי ס'איז
בײַ די פֿייגל אין פֿעלד —
אַזוי אויך בײַ חיות
אין וואַלד ;
בײַ פֿיש אין די וואַסערן ;
אַזוי אויך
בײַ די קלוגע מענטשן־ברואים
אויף דער מאַמע־ערד !

צווײ מײַז

אַ שטוב־מויז האָט אַ פעלד־מויז
באַגעגנט אײן פרימאָרגן,
האָט די שטוב־מויז גלײַך באַמערקט:
איר פרײַנדין האָט ניט קײנע זאָרגן.

„וואָס איז די שמחה, חברטע,
מיט דיר הײַנט אַזוי גרויס?
פרעגט די שטוב־מויז נײַגעריק,
באַטראַכטנדיק די אַנדער מויז.

„האָסטו גאָר קײן צרות ניט
אין ברײטן פעלד, אין דײַן?
איז שוין אַלץ בײַ דיר בסדר —
רואיק, שײן און פײַן?

„וואָלסט כאָטש פּילן אַ קלײן ביסל
אונדזער ביטער טעם?
וואָלסט פאַרזוכן כאָטש אַ טראָפּן
פון אונדזער זיסן סם?

„דאָס גאַנצע לעבן היטן זיך
פאַר דער פלינקער קאַץ,

ווילסטו כאַפּן ברויט אַ ברעקל —
דערהערסטו שוין איר קראַץ...

„מענטשן זיינען גרויזאַם, שלעכט,
יאָגן אָן רחמנות,
זיי פאַרשטעלן אונדזער וועג
מיט הונדערטער סכנות.

„ניט אנדערש — נאָר זיי מיינען,
מיר ווילן זיי אומזיסט אויפּרעגן,
אָדער גאָר פון זיי צורויבן
זייער גאַנץ פאַרמעגן.

„האַלטן אונדז טאָג איין, טאָג אויס,
אין רודפן און יאָגן :
פאַר פרייד זיי טאַנצן און זיי יובלען,
ווען ס׳געלינגט זיי אונדז דערשלאָגן״.

„דעריבער זייט איר נאַריש, שטוב־מייז,
צו וואָס גאָר ווינען אין אַ שטיבל ?
איז דאָך בעסער זיין אין פעלד,
אין א קליין און זיכער גריבל !

„נאָר איר יאָגט נאָך רייכקייט זיך,
זאַמלט קערנער — אָן עשירות,
דעריבער צאָלט אייך אָפּ דער מענטש
פאַר פלינדערן זיין גבירות...

„מיר, די פעלד־מייז, זוכן ניט
געשמאַקע, פעטע ביסנס,
דערפאר איז אונדזער לעבן גאַנץ —
משפחות — ניט צעריסן.

„מיר האָבן גרויסע, ברייטע פעלדער,
מיר האָבן פולע פרייהייט,
אלע זיינען מיר חברים —
צו אַנאַנדער פילן טרייהייט.

„מיר פארמאָגן ניט קיין שפייכלערס,
דערפאר קיין שרעק, און ניט פאַסטקעס ;
זעלטן קומט דער מענטש אין פעלד —
ער טוט אונדז ניט קיין לאַסקעס...

„טאָ הערט זשע אונדזער עצה היינט :
וואַרפט אוועק די הייזער, גליקן,
קומט צו אונדז אין פרייען פעלד —
איר וועט ביי אונדז זיך קוויקן !"

אַן עפּל אַ גרויסהאַלטער

האָט די הויז־ווירטין נחמה —
אַ ווירדיקע און שיינע דאַמע —
געמומען גרייטן אַ קאָמפּאָט
פון אלעם דעם, וואָס קומט פון סאָד.

פלוימען, קאַרשן, באַרן, עפּל,
און פערשיקעס — אַ פולן טעפּל,
האָט זי עס גענומען גרייטן
אויפן שטייגער, אויפן ברייטן.

ליגן פרוכטן אין דעם טאָפּ
פוס צו פוס און קאָפּ צו קאָפּ,
איינע קלענער, איינע גרעסער —
אלע וואַרטן אויפן מעסער...

האָט דערוויל אַ גרויסער עפּל,
וואָס ליגט זיך אויבן אַן אין טעפּל,
אַן עפּל — שיין, מיט רויטע באַקן,
גענומען מיט זיין צינגל קנאַקן:

„ס'איז אַ חרפּה, ס'איז אַ שאַנדע,
אינאיינעם זיין מיט אָט דער באַנדע —
מיך, אַן עפּל אזא שיינעם,
אריינגעשפּאַרט מיט די אינאיינעם.

„איז שוין גאָר ניטאָ קיין חילוק ?
צי בין איך אזוי פראָסט און ביליק ?
איז שוין הפקר גאָר אַ וועלט,
ווייל אונדזער דאַמע שכל פעלט ?"

דער עפּל אויפגערעגט ווערט, בייזער,
זיין שנאה גליט אויף הייסער, הייסער —
שפּריצט מיט פייער, שפּריצט מיט האַס,
מיט ווערטער שטעכיקע, מיט כעס.

צעלאַכט זיך שטיל אַ קאַרש אַ קליינע,
שמייכלט קלוג די קאַרש, די שיינע :
„גרויסהאַלטער, דו עפּל, רויט,
פארמשפּט ביסטו דאָך צום טויט !...

„טאָ נעם זיך גוט אריין אין זינען :
איין גורל וועט אונדז דאָ געפינען,
אלע מיר — צי קלענער, גרעסער,
אַ קרבן פאר דער שאַרף פון מעסער !..."

אַן עפּל מוסרט

אויפֿן אַ וואָגן, אויפֿן מאַרק,
ליגן עפּל גאַנצע פּעק,
פֿולע קוישן אָנגעפּראָפּט,
פֿולע שטויסן, פֿולע זעק.

פֿאַרשמעקן עפּל דעם אַרום,
ציט עס קונים — קינד און קייט,
ווינקען עפּל אַלע סאָרטן —
בעקלעך זאַפּטיקע און רויט.

איין עפּל מוסרט אויס זיין שכן:
„צו וואָס האָסטו געטאָן זיך גרויסן,
געמיינט האָסט — אייביק איז דער גאָרטן,
אייביק איז די זון, דער דרויסן.

„האָסט באַרימט זיך מיט דיין שיינקייט,
מיט די באַקן דיינע רויטע,
טאָ זע דעם סוף — הבל הבלים,
מיר וועלן אַלע באַלד זיין טויטע...

„איצטער, ברודער, זע אונדז אַלע —
אַלע די זעלביקע יחסנים —

שטאַרבן וועלן מיר צוזאַמען,
טאָ צו וואָס געווען זיך שונאים ?

„איצט זע, אז לעבן פון בעל־גאווה
אָנגעפילט איז בלויז מיט בלאָף,
ווי נאָר מיר פאַלן אָפּ פון בוים,
קומט אויף אונדז דער זעלבער סוף".

האַרבסט־בלעטער האָבן טענות

גאַנצע קופּעס געלע בלעטער
אין גאָרטן אָנגעשאָטן ליגן,
ווינט, ער שפּילט מיט זיי, ער טראָגט
די פייכטע בלעטער מיט אַ ניגון.

טוט אַ הייב זיי ווינט, דער קאַלטער,
מיט אַ וואָיען ברומט ער צו,
די אָרעמע און מידע בלעטער
האָבן שוין ניט מער קיין רו.

דרייען זיך אין אַ געווירבל,
פאַלן צו דער ערד אָן מאַכט,
און דער רעגן פּאַטשט זיי, שמייסט זיי,
מיט אַ פייף און מיט אַ לאַך.

קומען מענטשן מיט לאָפּאַטעס
אין די טונקעלע פאַרטאָגן,
שליידערן די געלע בלעטער
צוזאַמען — אלע אין איין וואָגן.

וויינען, קלאָגן נאַסע בלעטער,
אין פּחד שושקען זיך פּאַוואָליע,
ס'לעצטע מאָל איצט זיי באַקלאָגן
זייער בידנע בלעטער־דאָליע :

„פאַרוואָס זשע קומט אונדז, שיינע בלעטער,
אַזאַ בייזער סוף, אַ שלעכטער?
פאַרוואָס אַ גורל אַזאַ וויסטער?
איז דער משפּט אַ גערעכטער?

„האָבן מיר דאָך נאָכן בליען,
געשיצט די פּירות — זאָלן לעבן,
גאָר די פרוכט, די שענסטע, בעסטע —
די מענטשן אונדזער מי געגעבן.

„וויפל לעבעדיקע וועזנס
ברענגען קיינעם ניט קיין נוצן,
דאָך מען היט זיי מיט אַן אייפער,
מ'האַלט זיי אין איין צערטלען, פּוצן..

„צו וועמען אָבער האָבן טענות
אויף דער אומגערעכטער שטראָף:
דעם לאַ־יוצלח גאָר דאָס בעסטע,
דעם נוציקן — אַ וויסטן סוף...״

בלעטער אין האַרבסט

(צוויי וואַריאַנטן)

א.

האַרבסט-בלעטער זיינען פאַרבליבן
אויף די צווייגן קוים געציילטע,
האָבן זיי זיך אַלץ געקליגלט
די לעצטע בלייבן, אויסדערוויילטע.

איצט די געלע, לעצטע בלעטער
קלאָגן ביטער און אַנטוישט,
פארשילטן יעדע רגע לעבן,
וואָס האָט מיט שיכרות זיי באַרוישט.

זיי האָבן דאָך, ווי אַלע בלעטער,
געקענט אַ שיט טאָן זיך פון בוים,
נאָר געכישופט האָט דאָס לעבן,
זון און ליכט און בלויער רוים...

האָבן זיי ניט אויסגעהאָרכט
דעם רוף פון אַלטע, קלוגע בלעטער,
וואָס האָבן זיי געמאָלט די שרעק
פון בייזן, אָסיענדיקן וועטער:

„אָ, פאַלט מיט אונדז, צוזאַמען אלע !
די צייט גיט שוין אירע סיגנאַלן —
אונדזער לעבן איז געענדיקט,
די צייט געקומען איז צו פאַלן !"

האָט די בלעטער זיך געגלוסט
אַ זויג טאָן נאָך פון זאַפטיק לעבן,
און מיט אלע, אלע כוחות
ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן.

איצט דערפילן זיי די מידקייט,
איצטער פאלן זיי פון עלטער,
ס׳נעמט זיי דורך דער בייזער שטורעם,
מיט פראָסט אַ וואָיע טוען קעלטן :

ברררר... פארפאַלן זייט איר, בלעטער !
אומזיסט געקלאַמערט זיך אָן לעבן —
דער ווינטער אייער לעצטן אָטעם
וועט אין ווייסקייט היינט פאַרוועבן — —

ב.

פאַלן, פאַלן געלע בלעטער
פון דעם בוים אַראָפּ,
יאָגט דער ווינט זיי און ער דרייט זיי,
טרייבט זיי אין גאַלאָפּ.

בלויז אַ הייפל גרינע בלעטער
פון דעם קרוין קוקן אַראָפּ,
זיי לעבן נאָך — זיי פרייען זיך
און זיי שפּאַטן כלומרשט אָפּ.

ליגט ביים בוים אַ שטיין אַ זקן,
הערט זיך צו און טראַכט:
ביי די בלעטער, ווי ביי מענטשן —
דער לעבעדיקער לאַכט.

אָט א שטייגער: מענטש גאָר קלערט,
ווי זיך צו פארזאָרגן —
פאַלט ער אום גאָר אומגעריכט
און דאַרף שוין ניט פאַר מאָרגן...

מענטש רייסט אָפּ זיך — בלאַט פון בוים —
אַן אָפּגעוועלקטער, געלער,
און איבער אים — ניי לעבן גרינט,
יונגער, שענער, העלער!

שטיין פרייער און שטיין פרומער

בשכנות זיצן שטיינער צוויי,
צוגעטוליעט צו אַנאַנד,
זיצן שטיינער זיך אזוי —
פאַרמויערט אין בית־מדרש־וואַנט.

איין שטיין פאַרן צווייטן קלאָגט:
„געהאַט אַמאָל אַ גוטע צייט,
פאַרמאָגט אַ פּלאַץ פאַר זיך אליין
און געווען אַ גאַנצער לייט.

אין פעלד געקיניגט איין־אליין,
פול מיט כבוד און גענאָד,
ארום מיר שפּעפּעלעך — ווי שיין!
אויף מיר געררוט דער פּאַסטעך האָט;

און מיט זיין פייפל אויפגעשפּילט
האָט ער פאַר מיר אליין — זיין שטיין!
אָבער איצט, אוי וויי איז מיר,
וווּ ליגט איצטער מיין געביין?...״

דער צווייטער שטיין געענטפערט האָט
מיט שטילע רייד, אזוי גערעדט:
„מיט דיינע ווערטער, ליבער פריינד,
זינדיקסטו, עס איז אַ חטא.

אונדזער גורל גוט איז, ווייל —
באַשעפּער טוט אַלץ מיט פאַרשטאַנד!
ס'דאַרף פאַר אונדז אַ זכיה זיין
צו זיצן דאָ אין גאָטעס וואַנט.

געקליבן האָט מען פאַר אַ ברוק —
שטיין צו פלאַסטערן אַ גאַס,
האָט מיין שטיינערדיקע הויט
אויסגעקוקט די מענטשן בלאַס.

האָט מען מיך דאַן אויסבראַקירט,
אַוועקגעוואָרפן אָן אַ זייט,
לעב איך מיר דערפאַר דאָ איצט
צווישן פיינע, שיינע לייט.

אזוי דאָס לעבן ווערט געפירט,
ווען גליק מיט מזל איז געפּאָרט, —
דאַנק פאַר דעם וואָס האָט פּאַסירט,
ווייל גאָט אין הימל אַלץ פאַרזאָרגט!"

ליכט

אין זילבערנע לייכטער
ברענען צוויי ליכט —
איבער די פלעמלעך
שוועבט מאַמעס געזיכט...

דאָס ליכטיקע לעבן
זיי האָבן געאָפּפערט —
פּסח צום סדר —
מיט פינקל און האָפער.

זאָגט איין ליכט ווידוי
שטיל און אליין —
יום־טובדיק פינקלען
די ווענט פון איר שיין:

„מיין לעבן — אַ זונעלע —
גייט באַלד שוין אויס,
באַשטראַלט כ'האָב דעם יום־טוב
אין אַ יידישע הויז;

„אויף טישן די ווייִנען —
רויט און צעברויזט,
און איך פון מיין ליכטיקייט
בין היינט באַרוישט!...

„פאַרבליבענע ליכטער
מיך זיינען מקנא,
זיי וואָלטן זיך ווינטשן
אַ טויט — שיין ווי מיינער!

„עס קען דאָך מיט זיי
פּאַסירן געוויס —
דערברענען אין אומעט
ביי אַ בר־מיננס פּיס...

„איז דאַנק איך דעם בורא
פאַר זיין גרויס גנאָד,
וואָס ער אַזאַ חסד
מיט מיר געטאָן האָט!"

* * *

דאָס פלעמל, דאָס צווייטע,
פאַרטאָן אין געדאַנקען,
ענטפערט מיט ווערטער,
מיט לעצטע — אין צאַנקען:

„שוועסטער, מיין ליבע,
דו ביסט ניט גערעכט —
אין לעבן פון ליכטער
ניטאָ איז קיין שלעכטס!

„אַלע מיר זיינען
ביים מענטשן פאַרהייליקט,
אין יעטווידער תפילה
מיר האָבן אַ חלק!

„צו יעדן געבעט
אַ ליכט איזביים עמוד,
אייביק מיר ברענען,
ווי זון — אַ נר תמיד !

„דעריבער, מיין טייערע,
ניט מאַך זשע קיין טעות —
מיר זיינען אָן פלעקן
און ווייס ווי דער שניי איז !

„מיר פלעמלען אין קלויסטער,
להבדיל — אין שול,
מיט מיצוות און צדקה
זויגט קנויט אָן זיך פול.

„און ווו אונדזער סוף קומט
איז גאָרניט קיין חילוק,
ווייל טויט אונדזער ליכטיקט —
ניט וואָכעדיק, ביליק.

„און העכסטע מדרגה
צו וואָס מיר דערגרייכן —
באַשיינען דעם טויט
און אים דערהייכן !

אין הימל באַגלייטן
דעם מענטשנס נשמה...
און ס׳לעבן באַלויכטן
מיט פרייד און נחמה !

„דערוועלט האָט אונדז גאָט,
ווייל מיר זיינען ריינע —
לייכטער צו מאַכן
דעם מענטשנס געוויינען.

„אויך מיר — ווי דער מענטש —
דאַרפן דאַנקען דעם בורא,
וואָס ער האָט אונדז פאַרשריבן
אין זיין הייליקער תּורה!"

רעקלאַמע־ליכטער

שטייען אין גאַס —
פוןביידע זייטן —
רעקלאַמע־ליכטער,
ליכטער פארשייטע;
זיי פינקלען מיט שימער,
זיי ווינקען מיט גלימער,
מיט בלענדיקע קונצן —
פריילעך און מונטער:
מענטש, שטעל זיך אָפּ,
פאַררייס הויך דעם קאָפּ
צו אונדזערע וווּנדער!
זיי לעשן זיך אויס,
זיי צינדן זיך ווידער,
דאָס פאַרבשפּיל כסדר —
אַ ליכטיקער ריידער —
טוט רופן אָן אויפהער,
פאַרנאַרן די קויפער.

בונטע קאָלירן
די גאַסן באַצירן,
זיי רופן און וועקן
אין אלע פיר עקן;
זיי רייצן דעם נייגער,
צעשמעלצן דעם ווייגער,
אזש מענטש הייבט אָן גלויבן
אין בליציקע שויבן...

מעגאַפאָנען
צעשריגענע
מאָנען:
מיר, די אַגענטן!
קוואַליטעטן — די בעסטע!
זעט, מיר פאַרמאָגן
מציאות די גרעסטע!
געדענקט זשע,
פאַרגעסט ניט;
סחורות אומזיסט!
אַלץ וואָס איר דאַרפט —
פאַר גאָרנישט מיט נישט!
זיכער!
קומט גיכער!
די סחורות באַקוקן!
די געלעגנהייט
ניט צו פאַרקוקן!

שטייען אנטקעגן
געוויינלעכע לאָמפּן —
עלעקטרישע לאָמפּן
מיט אומעט פארזאָרגטן;
אָט רעדט זיך אַ לאָמפּ,
ווי פון האַרצן אַראָפּ,
פאַר זיין אַלטן קאָלעגע
אויפן אייזערנעם סלופּ:
„געדענקסטו, מיין חבר,
מיט וואָס פאַר אַ פּאָמפּע

געשטעלט דאָ מ׳האָט אונדז
מיט יאָרן צוריק ?
געדענקסטו די מענטשן —
מיט וואָס פאר אַנייגער,
מיט וואָס פאר אַ וווּנדער,
אויף פּנימער — גליק,
זיי קוקן ארויף
מיט צעשטראַלטע געזיכטער,
ווי מיר וואָלטן געווען
די הימלישע ליכטער ;
און וויפל געפעלט האָט
אין יענע מינוטן,
פון כּבוד צו אונדז
זיי זאָלן זיך בוקן —
אַזוי ווי צו גאָט...
היינט קוקט שוין ניט קיינער
אין אונדזערע זייטן,
ווי מיר וואָלטן ניט מער
האָבן אַ ווערט,
הגם אונדזער ליכט —
באַשיידן און שטיל,
מיט פאַרביקע לאָמפּן
מ׳קען ניט פארבייטן ;
פאַרביקע גלאָמפּן,
וואָס גלאָצן צום הימל
בלויז פאַר אילוזיע,
קאָקעטישן שפּיל...
מיר אָבער טוען
די מענטשן באַלייכטן,

דעם חושך מיר יאָגן
דורך נעכט, ביז פאַרטאָגן;
מיר זיינען די אויגן
פון מענטש אין דער נאַכט —
פון פינצטער ביז ליכטיק,
מיר פירן די מענטשן
ערלעך, אויפריכטיק,
אויף וועגן פון שיין.

„אָבער צו יענע,
וואָס אַרבעטן ווייניק,
די פראַנטן, די פוסטע,
די פראַנטן, די שיינע,
וואָס גלאָצן ארונטער
אזוי ווי צעחושטע,
צו זיי לויפן מענטשן
אויף בייזן וווּנדער;
ווייל זייערע שפּילן
מיט בונטע קאָלירן,
טוען די מענטשן
פאַרנאַרן, פאַרפירן;
מיט ליכטער, מיט פאַלשע,
איז לייכט צו רעגירן.
איז טאַקע איצטער
אַ האַרבע די שאלה,
צי ערלעכע ליכטער
זיינען אַ מעלה —
צי לוינט זיך עס גאָר
טריי, איבערגעבן

דינען דעם מענטשן —
אים ליכטיקייט געבן ?"

ענטפערט דער אלטער קאָלעגע,
פאַרטראַכט,
און קנייטשט זיין ליכטיקן שטערן :
„ס'איז אמת, מיין חבר, כ'קען שווערן,
דיין וואָרט איז הייליק און ריכטיק,
נאָר פארשטיי :
מיר לייכטן דאָך בלויז,
ווייל ליכט — דאָס איז ליכטיק !
אָבער מענטשן אין נאַכט
אונדזער ליכט טוט ניט רירן,
זיי ווילן זיך בעסער לאָזן פאַרפירן
פון בליציקע קונצן,
אָן זין, אָן פאַרשטאַנד,
ווייל מענטש ליבט דעם רייץ
וואָס האַלט אים געשפּאַנט...
אָבער ניט זאָרג זיך,
מיין חבר, מיין ליבער,
די ליכטער פון רגע
שנעל לויפן אַריבער.
מיר אָבער ליכטער,
וואָס לייכטן באמת —
אייביק מיר בלייבן
א קרן קימת !"

צוויי מינים דימענטן

קומט אַ דאַמע, רייך און שיין,
אין אַ גלאָז־געשעפט אריין,
טוט אין שפּיגל זיך אַ דריי —
גאָלד און זילבער טוט אַ שיין.

לויכטן דימענט־רינגען צוויי
אַראָפּ פון אירע בלאַסע הענט,
ווי אויף אירע פינגער צאַרטע
וואָלטן פונקען צוויי געברענט.

ליגן אויף דעם גרויסן טיש,
באַשיידן, שטיל און פּשוט־פּראָסט,
דימענטן — אַ גלייכע פּאָר,
דימענטן, וואָס שניידן גלאָז.

האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט האַס
פון דער דאַמעס רינגען צוויי,
אָנגעצונדענע פּאָר כעס,
מיט ווערטער גליאיקע — אזוי:

„וואָס קוקן אונדז די שלעפּער אָן —
פון דעם טיש, דעם ברודיקן —
מיט א חוזק אויף דער ליפּ,
און מיט שינאה זודיקער.

„א חרפּה איז עס און אַ שאַנד
זיך צו חברן מיט זיי,
צוויי פון נידעריקסטן שטאַם,
און מיר — די אויסדערוויילטע צוויי״.

דערהערן דימענטן, די צוויי,
און אָן שום קנאה, אָן פאַרדראָס,
אַ לאַך זיי טוען און אַ זאָג:
„פון פּראָסטן שטאַנד — מיר שניידן גלאָז;

„אָבער איר, די פּוסטאָקראַטן,
צו וואָס זשע קענט איר זיך אויסטויגן?
אייער אויסגעבלאַנקטע פּוסטקייט
פאַרבלענדט אַ רגע נאָר די אויגן;

„אָבער קיינער טוט ניט מיינען,
אז די וועלט אויף אייך נאָר שטייט,
אונדז גאָר פּאַסט ניט אייער נאָנטקייט —
גייט, צו אלדי רוחות, גייט!

„האָט איר ווען געבראַכט אַ נוץ גאָר?
דאַרמאָיעדן, וואָס איר זייט!
איר זייט בלויז די קאַלטע צירונג
פאַר פוילענצער, פאַר פּוסטע לייט.

„נאָר מיר, וואָס שניידן פּראָסטן גלאָז,
פאַרהיטן קינד און קייט פון קעלט,

אין אונדזער אַרבעט פרייד איז דאָ —
מיר ברענגען נוצן גאָר דער וועלט !

האָט די דאַמע מיט אַ שמייכל
אין שפּיגל זיך געטאָן אַ דריי —
האָט דער שפּיגל איר געענטפערט
מיט בייזן בליץ פון רינגען צוויי...

ביכער

צווישן ביכער הונדערטער,
צונויפגעפּרעסט אין שאַנק,
שטייט אַ בוך אַ זקן, אַלט,
אַ צווייטער — יונג און בלאַנק.

ס'אַלטע בוך, צעקנייטשט און מיד,
עס דריבלט זיך זיין רוקן,
די בלעטער געל, די בלעטער טריב —
אַ שרעק אויף זיי צו קוקן.

דאָס בלאַנקע בוך איז ציכטיק־ריין,
אויף זיין גלאַטן רוקן —
גאָלד־באַפּוצט זיין נאָמען שיינט,
אַ מחיה אָנצוקוקן..

בלאָזט זיך שיינער, ריינער בוך,
אויסער זיך פון כעס,
אויף זיין שכן, אלטן בוך,
ער טראָגט אַ גרויסן האַס.

„קוק אים אָן, דעם אלטן שלעפּער,
עס שלאָגט מיר צו דער גאַל ;
ווי ברענגט מען עס אזא מין אביון
אויבן אָן אין זאַל ?"

אָבער ס׳קלוגע, אלטע בוך
איז גראָדע ניט אין כעס,
ער פילט צום נאַריש־פוסטן פראַנט
רחמנות, ניט קיין האַס.

ענטפערט ער אים זאַכלעך, שטיל,
רואיק, קלוג און איידל:
„חכמה־ווערטער מיינע רייד —
איך ברענג מענטשן פריידן.

„נאַר דו ביסט אויסגעפוצט און ריין,
אַן אַ פלעק און צירלעך־שיין,
אָבער האָסט ניט קיין פאַרשטאַנד —
לאָזט דער מענטש דיך שטיין אליין...

„וואָלסטו פאַרמאָגט אַ ביסל שכל —
מענטש פון דיר זאָל עפּעס לערנען,
וואָלט יעדער דיך אין האַנט גענומען,
אזוי ווי מיר — מיט ליבשאַפט, גערן.

„מיינע בלעטער די צעקנייטשטע —
ווי אַן אַלטער, קלוגער שטערן,
וואָס קנייטשט זיך שטענדיק פון מחשבות —
איך העלף די מענטשן קליגער ווערן.

„דעריבער האַלט זיך גאַרניט גרויס
און הער זיך אויף צו קאָכן —
אַ כבוד דאַרף גאַר זיין פאַר דיר,
מיר צו האָבן פאַר אַ שכן!״

אַ בילדער־שמועס

הענגען בילדער אויף די ווענט
אין אַ קונסט־מוזיי,
הענגען גרויסע, הענגען קליינע,
הענגען אלערליי:

ביימער, לאַנדשאַפט, פעלד און פויגל,
לייב און טיגער אויך,
און איבער אלעם — בילד פון מענטש
אויבנאָן, גאָר הויך.

קוקט פון הויך דער מענטש אַראָפּ
און זאָגט: „מיר איז אַ שאַנד
צו הויזן דאָ מיט לייב און טיגער —
מיט חיות אויף איין וואַנט!"

טוט לייב צום טיגער אזא ברום:
„הער נאָר וואָס ער זאָגט!
מיט אַמאָל געוואָרן איידל —
הער נאָר ווער עס קלאָגט...

„וויפל לעבנס ברענגט ער אום,
דער מענטש, דער אויסדערוויילטער?
וויפל אייגענע און פרעמדע
הענגט ער, שיסט ער, קוילט ער?

„אויף יאַגד צו גיין — ביי אים א שפּיל —
שיסן חיות איז זיין ציל,
אַ סעודה פּראַוועט ער צו זאַט,
און ער איז — דער פיינער לייט...“

אַ וואַזע

שטייט אַ וואַזע אויף מיין טישל,
ארום מיט בלומען אויסגעצירט,
אויף איר פאַרצעליי דעם קלאָרן,
קרוינען פּרעכטיק אויסגראַווירט.

אויפן קערפּער פון דער וואַזע
מערקט מען נאָך פאַרקלעפּטע נעט,
ס'אָטעמט אָבער פון איר אַלטקייט
מיט אַ לעבן רייך, צו זעט.

אויף דער וואַזע פינקלען קרוינען,
מלכותדיק — ריי נאָך ריי,
און זיי בלאַנקען מיט קאָלירן:
געל און גרין און ווייס און בלוי.

רייד איך אין געדאַנק און שעפּטשע:
„פאַרטרוי מיר, וואַזע, און איך שווער,
כ'וועל דעם סוד קיינעם אַנטדעקן:
ווי קומט דיין הויכקייט דאָ אַהער?"

די וואַזע מורמלט שטיל, פאַרטרויערט,
רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר מיר:
„כ'בין אין קעניגלעכן פּאַלאַץ
געשטאַנען יאָרן אָן אַ שיר.

„ס׳האָט געשפּיגלט זיך די מלכּה
אין מיין שיינקייט, אין מיין פּראַכט,
טאָג און נאַכט האָט זי געפּוצט מיך,
מיט טויזנט אויגן מיר באַוואַכט.

„זיינען אָנגעקומען יאָרן —
פינצטערע און שלעכטע צייטן
פאַר דער מלכּה, מיניסטאָרן,
און פאַר הויכע אַדל־לייטן.

„געצוווּנגען האָט מען זיי צו וואָגלען
איבער גאָר דער גרויסער וועלט,
אין פאַרשיידענע מדינות
זיך אָנגעליטן הונגער, קעלט.

„אויפן וואַנדער־וועג דעם לאַנגן
גענוג פּורעניות דורכגעמאַכט,
ביז מיין מלכּה — צום פאַרקויף
האָט מיר דאָ אַהער געבראַכט.

„אין מיין גוף שוין שפּאַלטן, וווּנדן —
כ׳האָב געמיינט ס׳איז נאָנט דער טויט,
האָט מענטש פאַרקלעפּט מיך און פאַרבונדן
און געהאָלפן אין מיין נויט!

„בענק איך מער ניט נאָך פּאַלאַצן,
כ׳געדענק ניט מער די אַדל־לייט;
צייטן האָבן זיך געביטן —
און איך לעב מיט נייער צייט!

„זע איך דאָ אזוי פיל מענטשן,
און אלע זיינען גוט צו מיר —
מענטשן פשוטע, אָן קרוינען,
זייער האַרציקייט איך שפיר.

„בין איך איצט שוין גאָר צופרידן
אויסצולעבן דאָ די יאָרן —
צוזאַמען מיט די פרייע מענטשן —
ווי איך וואָלט אויפסניי געבוירן".

אַ טעניס־פּילקע

קלאָגט פֿאַר מיר אַ טעניס פּילקע:
„וואָס וויל פֿון מיר די קלײנע צילקע,
רק זי יאָגט זיך מיך צו כאַפּן,
רונד אַרום זי טוט מיך קלאַפּן.

„זי קלײבט צונויף אַ כאַפּטע מײדלעך —
אָנגעטאָן אין קורצע קלײדלעך,
אָן אָטעם לויפֿן זײ מיך יאָגן —
ווײַזט אויס זײ ווילן מיך דערשלאָגן...

„קלאַפּט מיך אײנע, קלאַפּט אַ צווייטע,
צו דער ערד איך פֿאַל אַ טויטע...
נאָר ווידער הײבט מיך אויף אַ מײדל,
מיט אַ פּנים, דוכט זיך, אײדל:

„שוואַרצע אויגן, באַקן רויטע,
זי טוט אַ וואָרף מיך — פּילקע שוטה!
כ׳טו אַ פֿלי — מען טוט מיך כאַפּן
און מיט קלעפּ מײַן לײַב באַטאַפּן...

„זיצן מענטשן, קוקן, גאַפֿן —
פֿאַרגעניגן כ׳טו פֿאַרשאַפֿן,
לינקס און רעכטס די קעפּ זײ דרײען,
פּאַטשן בראַוואָ, ס׳טוט זײ פֿרײען.

„ניט איך ווייס ווו אויס, ווו הין ?
מ׳לאָזט אַ רגע מיך ניט רוען...
נאָר אז מיידלעך ווערן מיד
און ביי מיר — קיין גאַנצער גליד,

„ליג איך אַ ווײַלע אויפן גראָז,
נאָר פּלוצים טוט מיך ווער אַ שאָס —
צוליב זייער פאַרגעניגן
אַ פּאַפּלעקציע וועל איך קריגן...

„זיך אויסגעזוכט מיך פאַר אַ קרבן —
כ׳וואָלט זיך ווינטשן : זיין געשטאָרבן...
און ניט וויסן פון די צרות,
ביז דער אָטעם גייט מיר אויס — —

„און נאָך די שטרייטן, נאָך די זיגן,
לאָזט מען מיך אַ טויטע ליגן...
פרעג איך : צי איז עס אַ יושר —
שלאָגן פון הנאה בלויזער ?...

פעדער־תּלין

דוכט זיך וואָס — אַ פעדער,
דאַרף זי אויך מזל אין באַרוף.

* * *

פאַרטרויט האָט זיך אַן אַלטע פעדער —
באַהאַלטן אין אַ שאַכטל פון דעם בעסטן לעדער —
צו איר נייער שכנה,
אויך ווי זי — א זקנה:
„כ׳האָב דורכגעמאַכט גלגולים,
וואָגלענישן פיל,
חרפּות און יסורים,
בזיונות אָן אַ שיר.
פון מיליאָנען פעדערס,
וואָס ס׳וואַרפט פאַבריק ארויס,
אריינגעפאַלן בין איך
אין אַ משפט־הויז.
דער ריכטער,
תמיד זיצט ער
אויף זיין הויכן שטול,
קלוגע רייד נאָר רעדט ער
צום עולם מענטשן — פול.
אויף זיין קאָפּ, דעם גרויען,
אַ פאַרוק מיט לאָקן,
אַ מענטשל אים אַקעגן —
קוקט אויף אים דערשראָקן.

באַגאַנגען איז דער מענטש
גאָר אַ גרויס פאַרברעכן —
ער האָט בלוט פאַרגאָסן,
אַן אַנדער מענטש דערשטאָכן.
האָט דער גרויער ריכטער,
מיט די גרויע לאָקן,
אַ פסק ארויסגעגעבן:
דער מענטש זאָל באַצאָלן
מיט זיין אייגן לעבן!
און פון אלע פעדערס
ט׳ער מיך אויסגעקליבן —
דעם שרעקלעכן פסק־דין
מיט מיר אונטערגעשריבן.
קענסטו דען עס גלויבן,
אז אין מיינע יאָרן,
כ׳בין קעגן מיין ווילן
אַ תלין גאָר געוואָרן — —
און אזוי כסדר,
וואָכן שוין און יאָרן,
האַלט איך אין איין שילטן
דעם טאָג פון מיין געבוירן...

ביז אין איין פרימאָרגן,
מיט שרעק אין זיינע אויגן,
אַ מענטש האָט זיך דערבאַרעמט
און מיך ארויסגעצויגן.
פון דאַן מיין שווערער גורל
געביטן האָט זיך אַנדערש:

איך טו זיך אָפּט באַוועגן,
אַ לעבן פול מיט וואַנדער.
האָט מען אויף דער עלטער
געבראַכט אַהער־דאָ מיך —
איך זאָל זיין דיין שכנה,
ליגן נעבן דיר.
בעט איך דיר מיין שיינע,
ליבע, גוטע שכנה,
וואָס איך איצט דערצייל דיר,
פאַרטרוי עס ניט פאַר קיינעם!
וואָס עס זאָל ניט טרעפן
אין מיינע לעצטע יאָרן,
בין איך אָבער גליקלעך —
אויס תלין כ׳בין געוואָרן!

און כ׳טו אַ תפילה היינט:
גאָט, פאַרבייט די טויטן!
מאַך אלע מענטשן פריינד
אויף אַלע, אלע צייטן!

צוויי פּעלצן

אַ שיינע דאַמע אין אַ פּעלץ
שפּאַצירט אין גאַס ארום און קוועלט —
דרייט זיך פּעלץ אויף אלע זייטן,
ס׳זאָלן קוקן אויף אים לייטן.

די דאַמע גייט גאַס איין, גאַס אויס —
דער פּעלץ איז טייער, האַלט זיך גרויס,
קאָקעטירט זיך און ער דרייט זיך,
האָט הנאה און ער פרייט זיך.

נאָר פּלוצעם, אויף א הינטערוועגל,
דעם פּעלץ — אַ פּעלצל קומט אנטקעגן:
אַ פיקסל אלט, שוין אָפּגעטראָגן,
ביים באַלעגאָלע אויפן וואָגן.

נעמט דער פּעלץ זיך ווידער דרייען
און מיט גאווה־ווערטער זייען:
„זע מיין רייכקייט, זע מיין שיינקייט!
דיין פּעל איז שמוציק, אַ געמיינקייט!״

אָבער פוקס מיט קלוגן שמייכל,
מיט זיין בליציק־שאַרפן שכל,
נעמט דעם פּעלץ ארייננצוזאָגן,
זיצנדיק אזוי אין וואָגן:

„אך, דו נאַרישער בעל־גאווה,
באַרימערײ איז אלץ דײַן תאווה!
צי האָסטו אזוי גיך פאַרגעסן,
ווי מיר אין וואַלד זײַנען געזעסן.

„איך קען דיר דאָך פון לאַנגע יאָרן,
פון סאַמע טאָג פון דײַן געבוירן,
גערופן דיר: די טפשה רייזל,
ווייל שכל האָסטו פון אַן אייזל.

„טאָ הער שוין אויף זיך נאַריש מאַכן,
קלוגע וועלן פון דיר לאַכן —
צוואָס זיך דרייען און זיך קרימען,
אליין זיך לויבן און זיך רימען?

„אין פוסטקייט זוכסטו פאַרגעניגן,
און פול דײַן גאווה איז מיט ליגן,
צוואָס זשע טויג עס דיר, דו שוטה,
אז דו ביסט אַ פעל אַ טויטע!...”

זעט דער פוקס, וואָס זיצט אין וואָגן,
ווי ס'האָט דער פעלץ זיך אָפּגעטראָגן,
און זיין פעלצל טוט אַ ציטער
מיט געלעכטער, קלוג און ביטער...

ביימער וואַרטן אויף רעגן

שטייען ביימער אַלערליי,
שוועבט דער טרויער איבער זיי —
די זון מיט פייער שיט און שיט,
טריקנט אויס דעם לעצטן צוויט.

שוין אַ לאַנגע צייט אַזוי —
די מאָרגנס אָן אַ טראָפּן טוי,
בלעטער — געלע און צעקנייטשט,
מיט פלאַקער־פלאַם דער הימל פלייצט.

צווייגן טרוקענע, פאַרברענט,
שטרעקן זיך, ווי דאַרע הענט,
צום הימל מיט געבעט, מיט שטומען:
אָ, גאָט, באַפעל דעם רעגן קומען!

ווייט אַ ווינטעלע באַלד אָן
און בסוד ער זאָגט זיי אָן:
רעגן פרישער קומען וועט!
זיי דערפילן ווינטלס געלעט.

און בלאַט צו בלאַט, בוים צו בוים —
שושקען זיך, מ׳הערט זיי קוים:
וואָלקנס לויפן, זעט נאָר, זעט!
באַלד אַ רעגן פאַלן וועט!

יאָגן וואָלקנס — איינס נאָך איינס,
אַ צייט שוין ניט געווען אזוינס:
פאַרציט זיך הימל, ווי מיט בליי,
אוןביימער אָטעמען אָפּ פריי.

צעפּויקט זיך דונער — קלעפּ נאָך קלעפּ,
שאָקלען ביימער מיט די קעפּ,
ס׳טוען טראָפּנס זיך אַ שאָט —
און ביימער זאָגן לויב צו גאָט!

וואָלקן־געיעג נאָך דער זון

אַ כאָפּטע וואָלקנס נאָך דער זון
געיאָגט האָבן זיך זייער פלינק,
ביז איינער האָט איר דאָך דעריאָגט
און צום חבר וואָלקן ווינקט:

„שנעלער, ברודערקע, העלף מיט
די זון פאַרשטעלן גיכער־גיך —
באַהערשן וועלן מיר די וועלט
און פאַרכאַפּן אַלץ פאַר זיך!"

האָבן וואָלקנס זון פאַרדעקט,
חושך האָט זיך אויסגעשפּרייט,
אַ שטאַרקער ווינט איז אָנגעפלויגן —
און אַ שטורעם האָט געדרייט.

שטייען ביימער, שאָקלען זיך,
צעשראָקענע און בלאַס;
שטייען הייזער טוליען זיך,
פאַרגלאָצטע פענצטער — נאַס;

פאַרהאַקן לאָדנס זיך אין ריי —
ווי אויגן־לעפלעך פאַלן צו,
די גאַס — אַ ליידיקע און גרוי,
בעט זיך: רעגן, לאָז צורו!

טוט די זון אַ ריס זיך דורך,
ווי אַ שפּיגל בלאַנקט די גאַס :
לויפֿט ניט, מענטשן, ניט געזאָרגט —
קיינער וועט ניט ווערן נאַס !

שניי אין יאָהאַנעסבורג

וייסינקע שנייעלעך —
דרייען זיך ,
פרייען זיך,
פליערלעך, שטיפערלעך —
יאָגן זיך,
טראָגן זיך,
פלאַטערן לעבעדיק —
גלאַטיק און קלעפּעדיק ;
שוועבן זיך גרינג —
אַ צאַפּל, אַ זינג,
פריילעך, פאַרשייט —
אין לויטערן וויס
שפּרייטן זיך ווייט...

מיט פלאַטער געדריי,
מיט פלאַטער געפריי,
מיט פלאַטער געיאָג,
מיט פלאַטער געטראָג,
מיט פלאַטער געוועב,
מיט פלאַטער געשוועב —
זיי פאַלן אויף דעכער,
אויף ביימער און העכער ;
אין נידער — אויף גראָזן,
אַ ווינטל צעבלאָזט זיי
פון פלויט און פון טאָל ;

זיי פאַלן אויף וועלדער,
זיי פאַלן אויף פעלדער —
זיי פאַלן און פאַלן אָן צאָל !

נאָר קורץ איז דאָס לעבן,
נאָך קירצער דאָס שוועבן —
דער סוף איז פאַר זיי אָנגעגרייט :
אין מיט פון זיך דרייען,
אין מיט פון זיך פרייען —
אויף זיי עס וואַרט שוין דער טויט :
מיטן באַריר פון דער ערד
זיי ווערן פאַרצערט...

ווער פריער, ווער שפּעטער —
ס׳העלפט ניט קיין רעטער —
אָט נאָר וואָס געלעבט,
אָט נאָר וואָס געשוועבט,
און שוין אויס ! —
עס העלפן ניט דעכער,
עס העלפן ניט לעכער —
אַ רגע פון שיין
און ס׳נעמט טויט זיי אריין
אין זיין וואַרעמען שויס — —

אַ ווינט אין שטעטל

אַ ווינט איז געשלאָפן
אויף אַ הייכן באַרג
אַ וואָך מיט אַ טאָג.
טוט זיך אַ פאַרטאָג
דער ווינט אַ כאַפּ אויף
מיט אַ קלאָג:
וואָס האָט געטראָפן?
אַזוי לאַנג געשלאָפן!
אַזוי פיל פאַרשלאָפן!
טוט ער זיך אַ טשוכע אויס,
טוט אַ לויף אין גאַס אַרויס,
מיטן צוועק
צו טאָן אַ וועק
די פּוילאַקעס,
די לײַדאַקעס
פון דעם שטעטל,
פון דעם עק!
אויפצוועקן זיי פון שלאָף —
בײַ זיי די נאַכט
איז אָן אַ סוף...

האָט דער ווינט
גענומען זיך יאָגן,
דאָס שטעטל, דאָס גאַנצע
גענומען צעטראָגן;

לאָדן פאַרמאַכטע,
ווו נאָר געפונען,
קלאַפּן און טראַסקען
האָט ער גענומען:
גענוג שוין, איר שלאָפערס!
אַן עק שוין, איר פּאָפּערס!

און ס׳האָבן אויף גאַסן
גענומען זיך ווייזן
מענטשן נאָך בלאַסע,
מיט שלאָף אויף די אויגן —
פאַרנורעט, פאַרצויגן,
אין דרייען געבויגן...

לויפט אין געוויי אָן
אַ ייד אין קאַפּאָטע,
צום ערשטן מנין,
דורך חושך, דורך בלאָטע;
אַ צופּ גיט דער ווינט אים,
אַ כאַפּ ביי דער פּאָלע,
רייסט אים און שלעפּט אים —
פּאַמעלעך, פּאַוואָליע.
דער ייד טוט אַ כאַפּ זיך
ביים עק פון קאַפּאָטע,
פון ווינט זיך צו שיצן,
פון ווינט זיך צו רעטן,
נאָר ווינט גיט אַ הייב זיך —
רייסט אָפּעט זיין מיצל —
וואַרפט זיך דער ייד

צו כאַפּן זיין היטל —
די פּאָלעס, זיי בלאָזן זיך אָן
ווי אַ קיטל ;
פייפט אויס דער ווינט
מיט שדים־געלעכטער :
זאָל זיין געהוליעט !
פּפּפּלינקער !
העכככער !
פּפּפּרעכער !

פּארוויקלט, פּארטוליעט,
מיט מידקייט אין גלידער,
שלעפּט זיך דורך גאַסן
דער שומר, דער וועכטער —
אַן אלטיטשקער יידל...

אַ שטורעם

ווינט און קעלט
האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג
קעגן דעם טאָג,
וואָס איז צעהעלט
מיט זוניקע שטראַלן:
די היצן, די שווערע —
האָבן זיי געטענהט —
פאַרצערן דעם מענטש;
לאָמיר אים העלפן
אָפּכאַפּן דעם אָטעם,
זיך דערפרישן!
די גליאיקע שטראַלן,
וואָס פאַלן
ווי פייערדיקע קוילן,
לאָמיר פארווישן,
פארשטעלן מיט שאָטן! —
לאָמיר גיין צוזאם
צום ברוגזן ים —
אויף זיין דעק רוט דער וואַלקן
מיט אַ פולן בויך וואַסער,
קיינער וועט די מלאכה
ניט טאָן פון אים בעסער.

האָבן ווינט און קעלט
געדונגען די וואַלקנס —
די גרויע און ברייטע,

און אַ מענגע וואָלקנדלעך —
קליינע, פארשייטע;
און אַן אָפּמאַך געשריבן,
אז אלע, אלע, אלע שטראַלן,
געשיקט פון דער זון,
מוזן ווערן פארטריבן!

האָט איין גרויסער וואָלקן
גענומען קלייבן ארום זיך
אלע זיינע קינדער,
פריינד, משפחה,
און דער ווינט האָט זיי
יאָגן גענומען:
גייט געשווינדער!
גייט זשע גיכער! גיכער!
זיכער!
זעט איר דען ניט
ווי די מענטשן,
צעשמאָלצן ווערן פון די היצן —
אַ רחמנות אויף זיי!
זיי פרייכן, זיי שוויצן,
זיי זוכן וואַסער אַ ביסל,
די זון האָט געמאַכט די לופט
צום דערשטיקן;
גיכער, גיכער,
איר וועט זיי דערקוויקן!

האָבן וואָלקנס געפאָלגט
און די הענט זיך צענומען —

גענומען
יאָגן און טרייבן,
פלייצע אָן פלייצע זיך רייבן —
די שטראַלן פארטרייבן!

האָט זון דערשפּירט
די סכנה, די גרויסע,
פאַר אירע קינדער —
די שטראַלן, די הייסע,
האָט זי פון איבער די דעכער
געהייבן זיי העכער,
און בחפזון
גענומען זיי זאַמלען,
באַהאַלטן אין וואַרעמען בוזעם
פון דעם שונא, דעם קאַלטן...

זיינען אָנגעפלויגן רעגנס
פון אלע וואָלקן־לעכער,
און פויקן גענומען
איבער אלע דעכער.
האָבן צוגעהאָלפן קעלטן
פון אייזיקע גלעטשערס,
פון שנייאיקע נאָרעס,
האָט אַ טראָג געטאָן זיך ווינט
די קעלט צו שטאַרקן,
דעם פראָסט אונטערצוהאַלטן —
ער זאָל באַהויכן
פעלד און וואַלד
מיט זיין אָטעם, דעם קאַלטן!

האָבן זיך מענטשן באַלד
אין די הייזער באַהאַלטן —
צעלאָפן פון דרויסן,
פון שטורעם, דעם קאַלטן.
יאָגט זיי נאָך רעגן,
יאָגט זיי נאָך ווינט :
מענטשן ווו לויפט איר,
אזוי שנעל, געשווינד ?
צוליב אייך מיר האָבן
געמאַכט די פאַרשווערונג,
איר זאָלט פון די שטראַלן
צעשמאָלצן ניט ווערן !
איז פאַר אָט דער טובה
אזוי דאַנקט איר אָפּ,
ווי געיאָגט וואָלט אַ רויבער
זיך נאָך אייער קאָפּ...

און ס'ווערן גאָר בייז
דער ווינט מיטן רעגן —
די מענטשן, וואָס לויפן,
זיי לויפן אַנטקעגן,
זיי רייסן אַ פּאָלע,
זיי כאַפּן אַ היטל,
זיי יאָגן די מענטשן
מיט כעס און מיט ביטול.
עס פליִען די שירעמס,
די קליידער — פאַרנעצטע,
אַ ווילדער געלויף
פון די מענטשן — געהעצטע.

— — —

די מעשה איז אמת,
אַזוינס האָט געטראָפן,
זינט יענעם טאָג
זיינען יאָרן פארלאָפן;
זינט יענע צייטן
זיינען פון ווייטן —
דער מענטש
און דער שטורעם — פאַרשייטער:
מענטש לויפט זיך באַהאַלטן
פון רעגן, פון קאַלטן;
אָבער דערפאר —
אַז אַ מענטש איז אליין
אויף די וועגן,
כאַפּט אים דער רעגן,
און ביז אין די ביינער
נעצט ער אים דורך.

עס איז דער כעס,
דער אלטער,
און דערפאַר איז
די פריינטשאַפט
פון רעגן און שטורעם
צום מענטשן —
אַ קאַלטע...

שטיינער אַנטלויפן

א.

„איז שוין טאַקע
אַלץ גאַר הפקר
דאָ אויף אונדזער וועלט,
אז דו האָסט ניט
וואָס צו זאָגן
אויב דיר עפּעס
ניט געפעלט ?"

די ווערטער האָט גערעדט אַ שטיין
צום שכן נעבן אים —
אויף אַ לאַסט־אויטאָ א קליין,
ליגן זיי זיך ביידע דאָרט,
פּרוּוון קוועטשן זיך,
פּרוּוון שטופּן זיך,
און רירן זיך
זיי קענען ניט פון אָרט.

ב.

און ערשטער שטיין
באַקלאָגט זיך ווידער :
„וואָס פון מענטש איז היינט געוואָרן,

כ׳זאָג דיר — טאַקע הפקר !
מיט הפקרות פול די וועלט —
ווילד איז זי, צעהפקרט !

„ניט מען פרעגט דיך,
ניט מען בעט דיך,
נאָר ווי אמתע גזלנים
זיי רייסן זיך צו דיר אריין —
מיט גראָבאייזנס,
מיט העק, מיט לאָמען,
נעמען בוכטשען אין די זייטן —
טוט מען עס אזוי ביי לייטן ?

ג.

„אָפּגעלעבט אזוי פיל יאָרן —
פון דעם טאָג איך בין געבוירן —
איינער אויף אַ מיטן פעלד,
האַלב אין דר׳ערד,
און האַלב פון אויבן —
איך זאָל קענען זען די וועלט.

„איצטער פירט מען אונדז —
ווער ווייסט ווו ?
אפשר ווידער גאָר
פאַר אַ גאַז־קאַמער פון טויט ?
כ׳זע, עס חידושט דיר, מיין פריינט,
קענסטו נאָך ניט יענע לייט ?

איין מענטש אַ צווייטן קען דערשטיקן —
מיט יענעמס טויט ער טוט זיך קוויקן!

וואָס, דו גלויבסט ניט?
ביסט דאָך טאַקע אַ נאַאיוווער!
ווייסטו ניט,
וואָס געטאָן האָט זיך
צוריק מיט יאָרן צוואַנציק,
חבר ליבער?

פיינט האָב איך אזוינע מענטשן,
וועל זיי שעלטן אנשטאָט בענטשן,
און ביים ערשטן, בעסטן טרייסל
מיר וועלן טאָן א שפרונג א גרויסן —
לאָמיר זיך ניט לאָזן פירן,
צום טויטנפלאַץ אונדז ניט פאַרפירן — —

ד.

„פילסט, דער אויטאָ שפרינגט שוין אונטער —
איצטער איז א שאַנס פאַראַן!
לאָמיר גלייך, צוזאַמען, ביידע,
מיט די פלייצעס — מיין און דיין —
שטופּ זשע, העלף,
לייג צו דיין כוח!
ניט פאַרלירן נאָר דעם מוח!
האָאָפּפּפּ!!!"

אוןביידע פליען,
קייקלען זיך דעם ברוק אראָפּ —
שיר צעשפּאָלטן זיך דעם קאָפּ...

„פלוצעם קומט אָן אויטאָ
מיט רעש אָנגעלאָפן —
לויפט ער, פליט ער, יאָגט ער —
וויל אונדז אָניאָגן פון צפון;
אָבער איך —
מיט שאַרפן שפּיץ אין זייט —
האָב קיין מורא ניט
פאר די בייזע לייט,
כ׳גיב זיך אונטער זיי אַ וואַרף —
נעמען רעדער פּלאַצן, רייסן,
מיט טומל ווערן פול די גאַסן,
כ׳לאָז אין גאַנג מיין שארפע זייט
צעוואַלגער די פאַרשייטע לייט,
לייג זיי אויס אויף ברוק, דעם האַרטן...

„איצט, געאיילט, נאָר ניט וואַרטן!
לאָמיר מיט די לעצטע כוחות,
לויפן זיך באַהאַלטן —
מיר זיינען איצטער ביידע פריי! —
אַלץ איז שוין פאַרביי!״

ה.

האָבן זיך חברים־שטיינער
פאַרקליבן אין אַ טאָל, אַ שטילן,

ביי אַ וואַסערל אַ קילן.
ליגן זיי זיך דאָרט באהאלטן,
אין די היצן, אין די קעלטן,
פון די שלעכטע מענטשנס אויגן —
ס'האָט זיך יאָר נאָך יאָר געצויגן.

ו.

„דאָ מיין וועלט איז שענער, גרעסער,
מיין מערכה איז פיל בעסער",
רעדט זיך ווייטער יענער שטיין
צום חבר, ווי צו זיך אליין,
„אָט, אַ שטייגער, קומען קינדער,
שטילע, אומשולדיקע רינדער,
זעצן זיי זיך אויף מיין רוקן,
בחברותא, פעלד באַקוקן.
א מעשהלע דערציילט זיי איינער
פון פרינצעסין, אזא שיינער...
זיי זיצן יעדן טאָג צו ביסלעך,
רוען אָפּ די מידע פיסלעך.
און איך האָב א גרויס הנאה,
קינדער זאָגן ניט קיין דעה,
נאָר קונצן מאַכן זיי און שפילן,
פריילעך, זאָרגלאָז, ווי זיי ווילן.
אָט, ווי פייגל — זיך צעשפרייטן
איבער פרייען פעלד, דעם ברייטן,
לויפן, טאַנצן זיי און שפרינגען
און גאָר שיינע לידער זינגען,

ביז איך זיי גאָר שטאַרק מקנא,
האָב צו זיי ניט קיינע טענות.
כדי מיין פרייהייט צו געניסן,
דאַרף קיין בייזער מענטש ניט וויסן,
אז מיר לעבן דאָ אין פריידן,
ווי אין אַן אמתן גן־עדן״.

ז.

„עס פארבלאָנדזשען אויך אהער —
עלטערע פאַרשוינען,
מיט געפּלוידער אויף דער צונג,
זיי טוען קיינעם שוינען —
ריידן אויף דער וועלט דער גאַנצער
כל דבר אסור,
גנבות, גזלות ביי די מענטשן
איז געוואָרן כשר...
הער איך רייד, איך הער און שוידער,
אָבער זאָג ניט אויס פון חדר...
טוליע איך זיך מיט אַ פּלייצע
צו חבר־שטיין, גיב אים אַן עצה:
בעסער לעבן אין דער שטיל,
ניט באריידן קיינעם פיל;
דאָס פעלד זאָל זיין אונדזער געצעלט —
ווייט פון בייזן מענטשנס וועלט!״

דריי פריינט

א.

דריי ביימער
זײַנען געשטאַנען אין וואַלד
מקדמונים,
מסתמא — פון ששת ימי בראשית;
זיינען די דריי ביימער געווען
דריי גוטע פריינט.

און כאָטש איינער
געוואַקסן איז קלענער,
מיט שטופּלען באַוואָרפן,
פונדעסטוועגן האָט עס
די פריינדשאַפט ביי זיי
אויף אַ האָר ניט געטראָפן.

ניט אָפּגעטראָטן
איז איינער פון צווייטן,
זיך געטוליעט,
ווען ווינטן זיינען
צופליען געקומען,
זיך געטיילט באַגלייך
מיטן זאַפט פון דער ערד,
זיך פאַרטרויט
איינער דעם צווייטן די זאָרגן,

אויפן פרילינג צוזאַמען געוואַרט,
און צוזאַמען געחלומט וועגן
זון און רעגן,
וועגן אַ גרינעם מאָרגן. —

ב.

און ווען דער מאָרגן איז געקומען —
האָבן זיך באַוויזן מענטשן
מיט זעגן,
מיט העק,
האַקן גענומען,
און זעגן גענומען
דעם חלום פון זון און פון רעגן;
דעם לעבעדיקן באָדן
פון אונטער די וואָרצלען צענומען,
און אלע דריי ביימער
זיינען מיט זיפצן,
מיט קרעכצן,
געפאַלן —
אויסגעצויגן געבליבן ליגן —
פאַרחלשט, פאַרטריקנט,
אויף גאָטס גוטער ערד.

ג.

איינער פון צווייטן
אָפּגעריסן, דערווייטערט,
האָבן די ביימער דורכגעמאַכט

קאַלט און וואַרעם:
געשלעפּט זיך —
אויף פּליטן
דורך שטראָמען,
מיט שיפן,
מיט באַנען —
און אויסגעוואַנדערט אַ וועלט,
ביז —
ווער פריער, ווער שפּעטער —
אָנגעקומען זיי זיינען
אין זעגמיל —
און דאָ — נייע יסורים,
צרות און פּיין,
צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערעביימער
פון אַנדערע וועלדער.

דאָ האָט מען ווידער
געהאַקט און געזעגן,
געשניטן די גלידער,
שטיקער געריסן,
און איינס אויפן אַנדערן
צעלייגט זיי — ווי ברעטער!
און שפּעטער —
געפּוצט און געגלעט זיי,
געטשעשעט, געהובלט —
געמאַכט זיי ווי זייד...
און נאָך אַלע גיהינומס
האָט מען זיי געשיקט
צום געהילץ־הויף —

דאָרט האָט מען זיי
ווידער צעלייגט,
צעסאָרטעוועט
און געמאַכט גרייט
פאַר זייער לעצטן וועג:
צום סטאָליער, צו זעג...

ד.

שוין אין די ערשטע אָפּרו־שעהן
האָבן זיך דערקענט די פריינט,
על פּי נס גאָר, ווי עס טרעפט זיך,
האָט מען זיך פאַראייניקט היינט.

האָבן פריינט זיך אָנגעקוקט,
אין דרויסן זוניקן און פרייען
האָט דער שיקזאַל זיי פאַראייניקט —
ווידער זיינען זיי אין דרייען.

זיי האָבן זיך גענומען קושן,
אין פרייד צו אַנאַנדער דריקן,
דאָס צוזאַמענטרעפן ווידער
האָט געטאָן זיי איצט דערקוויקן.

האָט יעדער פון די דריי חברים —
גוטע, נאָענטע און ליבע —
דערציילט ווי עס איז פאַרלאָפן
די צייט, די טרויעריקע, טריבע.

און ווידער זיך אזוי געלעגן
אלע דריי זיינען אין איינעם,
חלומות פון דאָסניי געוועבט,
ביז אין אַ טאָג אַ ליכטיק שיינעם —

צום געהילץ־הויף איז אַ קונה
פון ערגעצווו אראָפּגעקומען,
געקליבן ברעטער, און אין זוכן
האָט ער זיך צו זיי גענומען.

פון די דריי חברים־ברעטער
האָט ער צוויי זיך אויסגעקליבן —
ארויסגעצויגן האָט ער זיי,
די רוקנס מיט אַ בליי פאַרשריבן.

טראַכט דער סטאָליער וואָס צו מאַכן,
די ברעטער — אַ מחיה־גלאַט!
אזעלכע סחורה וועט מען קויפן,
ער וועט האָבן ברויט צו זאַט.

בלייבט זיך ליגן איין־אליין
די שטופּלדיקע שוואַרצע ברעט,
אין איר עלנטקייט זי טראַכט:
זאָל געשען שוין, וואָס עס וועט!...

האָט זי ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטן —
אַ גוי אַ קברן איז געקומען
און דערקלערט האָט מיט התפעלות:
ס'איז דאָס בעסטע פאַר אַ טרונע!

ווײנט און קלאָגט די לעצטע ברעט
אויף איר בידנער מערכה,
וואָס אַצינד פון איר וועט ווערן —
דעם לעצטן גליד פון אַ משפחה...

ליגט זי שטיל צווישן ברעטער —
ליגן אַלע אין איין שטוב,
וואַרטן ביז דער טויט וועט קומען
און דאַן — מיט מתים אין אַ גרוב.

מטבעות

זיינען געלעגן מטבעות
ביי אַ מענטשן אין שראַנק —
נאָר וואָס געבראַכט פון דער באַנק:
זילבער — באַזונדער,
קופּער — באַזונדער.

לאַכן און שפּאַסן
די זילבער־מטבעות,
גיבן באַפעלן
און זאָגן בלויז דעות:
„איר, טונקלהויטיקע,
געמיינע,
אומריינע,
צוזאַמען מיט אונדז
ליגן איר ווילט,
רק — אינאיינעם!
איר דאַרפט אונדז
גאָר דאַנקען,
דאַנקען און לויבן,
וואָס מיר —
די זילבער —
ווילן אייך דערלויבן
זיין מיט אונדז,
דערנעבן,
אין איין שראַנק צו הויזן,

און שליידערן אייך ניט
ארויס אין דרויסן !״

טוליען זיך פּענעס
אַלע צוזאַמען,
פּאָר שאַנדע און ווייטיק
די פּנימער פלאַמען.
נאָר אָט האָט זיך איינע,
אַ פּעני — אַן אלטע,
מיט גלידער — צעריבן,
מיט פּנים — צעביילטן,
ארויסגערוקט נאָענט
צו גרויסער מטבע
פון גלאַנציקן זילבער,
וואָס זאָגט זיי אַ דעה ;
מיט שטימע אַ דרייסטע
האָט זי ריידן גענומען,
מיט ווערטער מיט הייסע
האָט זי שיטן גענומען :
„ווי לאַנג נאָך, איר האַרן,
ווילט איר אונדז פאַרשטומען ?
ווילט איר די געפאַרן
מיט אָנשטעל מיט פרומען
פאַרמיידן, פאַרדעקן ?
איר וועט אונדז ניט שרעקן !
מיט זילבערנעם גלאַנץ
מיינט איר אונדז צו פירן ?
איר מיינט אייער זילבער־אַליאַנץ

אייביק און הייליק
וועט רעגירן ?
איר וועט זיכער פאַרלירן,
ווייל אין חשבון, אין לעצטן
מיר האָבן א חלק —
אָן קופער־מטבעות
איר וועט ניט אונטערציען
דעם באַלאַנס, דעם גרעסטן !
צי ווילט איר נאָך ווייטער
אונדז בראָטן און בריען ?
צי ווילט איר נאָך ווייטער
דאָס בלוט פון אונדז זויגן ?
צי ווילט איר נאָך ווייטער
אויף אונדזערע העלדזער
דעם שטריק האַלטן פאַרצויגן ?
דער וועג איז אַ פאַלשער !
פאר אייך וועט ניט טויגן !
ווייל ס'קומען שוין נענטער
די בעסערע צייטן,
ווען פעני־מטבעות
זיי ווערן שוין לייטן —
מיט אַלע צוזאַמען,
מיט אלע צוגלייך !
נאַראָנים,
מאַכט ניט קיין פנים
פון תמען —
פאַרשטייט עס :
צי איז עס אַ יושר,
אז זילבער־מטבעות

איבער אונדז זאָלן הערשן
און זאָגן אונדז דעות ?
צי איז עס אַ יושר,
אז איין שטיקל זילבער
פון אונדז גאָר פיל קלענער,
איז צענפאַכיק מערער,
שטאַרקער און שענער ?
צי האָט עמעצער ווען
אזוינס גאָר געזען,
אז אַ פּיצעלע זילבער
זאָל אראָפּוועגן צען
קופּער־מטבעות —
שטאַרקע און שווער ?
צי איז עמעצער שולדיק,
אַז קופּער איז געל ?
און וואָס איז דאָס גליק,
אז זילבער איז העל ?
ווייל איר זייט ווייניק,
ווילט איר זיין אלייניק,
און ווייל מיר זיינען מערער —
מאַכט איר אונדז נאָך שווערער !
צי מיינט איר,
אז הערשן וועט איר
אַ גאַנץ לעבן ?
צי מיינט איר —
אייביק איז אייך כוח געגעבן ?
צי ווילט איר ניט זען
און ניט הערן, אָ, לײדער !

אז מיר ווערן מערער
און שטאַרקער כסדר ?
טאָ הערט אונדזער עצה :
פאַרגעסט אייער חלום,
נעמט בעסער זיך גרייטן
צו לעבן בשלום !
באַטראַכט אונדז ווי פריינט,
ווי אייערס אַ גלייכן —
מיר ווילן ניט שטרייטן !״

זילבער־מטבעות
פון געלעכטער זיי קייכן...
און ס׳האָט אַ מטבע
פון זילבער — אַ רייכע,
אליין נאָר פארשטייט זי,
פון גאָרער וועלט ווייס זי —
שרייען געגומען
אויף פעני, דער איינער :
„געהערט אַזאַ חוצפה
פון איינער, אזוינער ?
ניט אנדערש מיר וועלן
פון אייך זיך אָפּטיילן,
אוועקשיקן אייך
פאַר הונדערטער מיילן ;
מיר ווילן מיט אייך
צוזאַמען ניט הויזן !״
די זילבער־געבליטן
ביי איר זיך צעברויזן :

„דאָן וועט איר דערפילן
דעם טעם — מיט פּראָצענטן...
פאַרזאָגן אַ צענטן
מיט אונדז זיך צו שפּילן!
און זאָגן איך וועל אייך,
איך וויל איר זאָלט וויסן,
צום סוף וועט אוודאי אייך
שטאַרק גאָר פאַרדריסן!"

צעלאַכן זיך פּעניס
מיט קופּער־געלעכטער:
„דו פיינער בעל־טובה,
ביסט, כ'לעבן, קיין שלעכטער...
מיט פלענער, מיט דיינע,
ווילסט אונדז איזאָלירן —
דאָס פאַרקערטע וועט זיין:
וועסט אליין זיך פאַרפירן!
דעריבער, מיר ראָטן אייך:
האַנדלט ווי מענער,
זוכט זיך אויס פלענער,
וואָס זאָלן זיין שענער —
מיר זאָלן צוזאַמען
בשלום דאָ לעבן!
צוזאַמען צו בעסערע צייטן
דאָ שטרעבן!"

מענטש

א. אַ קאַרגער

ביי אַ מענטשן אַ קאַרגן
איז שטענדיק דאָס שטרעבן,
וואָס מערער צו זאַרגן,
קיינעם ניט לייען,
קיינעם ניט באָרגן,
קיינעם ניט געבן,
וואָס מערער צו שפּאָרן —
עס זאָל אים כאָטש סטייען
אויף אייביקע יאָרן...

פאַר ווייניק פאַרשפּאָרן,
טראָגט ער אויף זיך צאָרן,
זיין עיקר אין לעבן:
איז קיינעם ניט געבן,
וואָס ווייניקער געבן,
זאָל מערער פאַרבלייבן!

האָט ער נאָך קינדער —
נו, מילא, קיין וווּנדער,
פאַר יעדן באַזונדער
וויל ער דאָך לאָזן
אַ מזומנעם גראָשן...

אָבער גרעסער דאָס וווּנדער,
ווען ניטאָ זיינען קינדער —

פאַר וועמען א שטייגער
אזא איינער זאַמלט
זיין געלטישן פגר ?
קאַרגט ער —
פאַר וועמען ?
פאַר איינעם,
וואָס ער וועט ניט קענען,
וואָס ער וועט ניט וויסן,
און פון זיין קמצנות
וועט איינער געניסן
אַ לעבן אַ זיסן !

נאָר זיין הנאה איז
קאַרגן און קלייבן —
וואָס מערער נאָך אים
ירושה זאָל בלייבן !

ער מיט זיין קארגשאַפט
פאַרווײַלט זיך,
שטענדיק ער איילט זיך :
לויפט ער פאַר מיילן
געלטער פאַרדינען,
וואָס מערער צו ציילן,
ווייל יעטווידער סענט
פאַר אים האָט אַ זינען...
דעריבער ניט שפענדן,
וויניקער טיילן,
וונדן ניט היילן,
די שיך ניט באַזוילן,

זאָל עסנוואַרג פוילן;
ווינטער — אַן קוילן
באַדיי צו פאַרפרירן,
אַבי ניט אָנרירן
זיין אייגענעם גראָשן.

אַן פריינד און אַן שכן
וועט ער פאַרגעסן.
ניט ער וועט באַקן,
ניט ער וועט קאָכן,
ניט ער וועט עסן,
ניט ער וועט טרינקען,
נאָר פול-פולע זאַקן
נאָך מערער אָנשטאָפּן;
פאר אַ פּענע זיך דינגען,
זיין קאַמער אָנפראָפּן
פולער און פולער,
אין קמצנות פארזינקען
אלץ דולער און דולער!
און דאָך האָט ער הנאה —
ער זאַמלט די מאה,
און האָט נאָך אַ דעה
אויף זיין מטבע —
לעבן ווי לייטן
ליגט אים אין דער לינקער פּיאה...

ער איז זיך אָבער טועה:
ווייל מיט נאָך אַן אלף,
און נאָך אַן אלף,

איז זיין לעבן ערגער
ווי פון אַ כּלב —
אויך מיר אַ לעבן!
פאַר אַזאַ לעבן וועט קיינער
קיין גראָשן ניט געבן!

ב. אַן אויסברענגער

אַן אויסברענגער
איז אַ מענטש א פארברענגער,
וואָס זיין עיקר אין לעבן
איז נעמען און געבן —
ער וויל ניט זאָרגן
פאַר דעם מאָרגן,
ער וויל ניט שפּאָרן
פון דעם היינט!
אָנגרייטן פאר יאָרן —
דאָס איז זיין שרעק,
דאָס איז זיין פיינט!
אלץ מוז אוועק —
מערער און מערער אויסגעבן,
מערער און מערער פאַרשווענדן,
אריינכאַפּן מערער פון לעבן
פריידיקע רגעס אָן ענדע —
צי ער קען, צי ער קען ניט —
אַלץ וויל ער פאַרלעבן.

אַ מענטש אַ פארברענגער
טוט שטענדיק נאָר שטרעבן:
זאָל זיין געלעבט!
וואָס וויניקער קלייבן,
זאָל קיין זאַך ניט בלייבן
נאָך אים —
ניט קיין הייזער,

ניט קיין ברייזער,
ניט קיין רינדער,
ניט קיין געלט פאַר די קינדער!
ארום אים די שכנים,
נאָר זעען אים לויפן,
ער האַלט אין איין קויפן
פון אַלץ, פון דאָס בעסטע —
גרויס ער פאַרמעסט זיך,
ביז ער פאַרגעסט זיך,
אז וואָס ער פאַרמאָגט
קלעקט קוים אויפן טאָג...

ווערט ווייניק זיין געלט,
ווערט ענג אים זיין וועלט,
נאָר ניט ער פאַרצווייפלט,
גיט זיך אָן עצה —
הייבט ווידער אָן זאָרגן
ביי וועמען צו באָרגן,
ער קען דאָך ניט קאַרגן,
אליין זיך דערוואַרגן —
ער וועט אָפּגעבן מאָרגן...

פאַרדינט ער אַ פינפער —
פאַרשווענדט ער אַ צענער,
פון צוואַנציק פארדינטע —
פערציק פארשפענדט ער!
וואָס איז דער חילוק —
אייגנס, צי יענעמס?
וואָס פאַר אַ חילוק —

זיינע, צי ווענס ?
ס׳ווערט דאָך ניט סייווי
געסילוקט...
צו וואָס נאָך דאָס קלייבן —
אז ס׳זאָל עמעצן בלייבן ?

ווער ער פאר מיילן
זיך לויפן פאַרווײלן ;
אַ גוט ביסן עסן
און אַלץ איז פאַרגעסן —
אויב פרעסן און זויפן,
זאָל זיין מיט אַ הויפן !

ער טאַנצט זיך און זינגט זיך,
מיט קיינעם ניט דינגט זיך ;
ער זוכט ניט די מאה,
ער וויל ניט די דעה,
ער איז זיך ניט טועה —
ער וויל בלויז הנאה !
זעט, והראיה :
קאַרגן — דאָס שטיקט אים,
שפּאָרן — דערדריקט אים,
ער וויל פאַר דעם מאָרגן
זיך ניט פאַרזאָרגן...

איז דאָס א לעבן ?
אויך מיר אַ לעבן !
פאַר אזא לעבן
ווער קיינער קיין גראָשן ניט געבן !

ג. אַ מעסיקער

אַ מענטש, וואָס האָט אַ מאָס,
לעבט אָן זאָרגן, אָן פאַרדראָס;
ער ווייס ווי ווייט ער דאַרף גיין,
ער ווייס וווּ צו בלייבן שטיין,
פארשטייט זיין לעבן אויסצופורמען,
נעמט קיין ביישפיל ניט פון רייך, צי אָרעם,
נאָר גייט זיך זיין אייגענעם גאַנג — צווישן;
ער טוט שטענדיק שטרעבן,
אז זיין לעבן זאָל זיין באַשיידן,
ניט פאַרריסן,
ניט צופיל טומל, ניט צופיל שאַלן,
אָבער אויך ניט צופיל געפאַלן;
ער וועט זיך ניט שפּאַרן
צווישן גדולים, צווישן האַרן.

ער וועט ניט צופיל שפּאָרן,
זיך ניט פאַרקירצן די יאָרן,
ניט קלייבן —
זאָל נאָך אים צופיל ניט בלייבן.
וויפל ער פארמאָגט
אים גענוג איז פאַר דעם טאָג —
גענוג זיך צו פאַרזאָרגן
מיט דעם היינט און מיט דעם מאָרגן.
ער לעבט זיך געדולדיק,
איז קיינעם ניט שולדיק,

אים אַרט ניט, וואָס יענער
פאַר אים לעבט זיך שענער;
ער יאָגט זיך ניט נאָך מאות,
זאָגט קיינעם ניט קיין דעות,
ער לעבט זיך באַשיידן —
אין עסן, אין קליידן,
ער האָט זיינע פריידן,
ער רייסט ניט די אויגן —
צו פיל קען ניט טויגן...
ער טראָגט ניט קיין קנאה,
ער פילט ניט קיין שנאה —
מיט אַלעמען פריינטלעך,
מיט קיינעם ניט פיינטלעך.
ער איז אַ פקח —
אים דאַרט ניט דער מוח,
הלמאי יענער איז רייך.

זיין גאַנג רעגולער איז,
אזוי ווי אַ זייגער!
און נאָך וועד ווי ער איז
פון לעבן אַ וויסער —
פון זיין טאָג — דער געניסער?

פאַר אזא לעבן
מעג מען אַלץ אָפגעבן!

צוויי מינים מענטשן

פאַראַן צוויי מינים
מענטשן אויף דער וועלט:
רייכע —
אָרעמע —
און בייביידן וועסטו געפינען
אומגליקלעכע. —

רייכקייט —
זעלטן גיט פיל גליק,
אָרעמקייט —
אוודאי ניט!
אָבער גליק —
אַן און פאר זיך —
איז אַ זאַך,
וואָס מענטש באַזיצט
אין זיך!

מענטשן שטיין־רייכע —
אומגליקלעך,
ניט זעלטן — גאָר פיל!
מענטשן אָרעמע —
אויך אומגליקלעך —
גאָר פיל!

גליקלעך איז נאָר יענער,
וועלכער זעט,

אז שענער
איז דאָס גאַנצע לעבן!
יענער —
וועלכער קען פאַרגעבן
זיין פריינד,
און אויך — זיין פיינד!
וועלכער קען באַהערשן קנאה!
וועלכער קען באַצווינגען שנאה!
וועלכער איז צופרידן
מיט זיין גורל —
שלעכט, צי גוט —
און מאַכט קיין אונטערשידן,
ווייל געשאַנק פון גאָט
איז אַלץ —
די פערל, ס'שטיקל גלאָז,
דאָס ברויט און זאַלץ!
אלץ איז גליק,
ווען מען זעט עס ראָז,
מיט אַ ליכטיק בליק!

באַרימער

איך האָב...
איך װאָלט...
איך װעל...

פֿאַר װאָס ?...
פֿאַר דאָס !...
פֿאַר װען ?...
דערפֿאַר —
פֿאַרזען...
דאָס זײַנען אימער
די ערשטע װערטער
פֿון אַ באַרימער.

„איך האָב דיר געזאָגט אַזוי !"
„טו עס ניט, ס'טויג ניט אַזוי !"
„איך װאָלט ניט געטאָן אַזוי —
מ'דאַרף דיר געבן קײַען שטרוי !"

„איך װעל שטענדיק טאָן אַזוי —
נאָר אַזוי און דװקא אַזוי !"
„פֿאַר װאָס האָסטו אַזוי געטאָן —
ניט געפֿרעגט מיך װאָס צו טאָן ?
דערפֿאַר איז דיר איצט שלעכט !
זעסט, איך בין געװען גערעכט !

אזוי — דער צווייטער טוט אַלץ שלעכט,
און ער — באַרימער איז גערעכט:
„וואָלסטו געהאַט שכל מיך צו פרעגן...“

פּרוּוו זשע רייד מיט אַ באַרימער
וועגן זאַכן אויף דער וועלט,
וועט ער תּיכּף זיך פאַרקרימען:
„די גרויסע לייט שכל פעלט!
וואָלט מען לאָזן מיר — איר זעט,
אַ רגע נאָר — געטאָן, גערעדט,
דאָ אַ שמיר, דאָרט — אַ גלעט;
וואָלט מען לאָזן מיר — איר הערט,
וואָלט איך עפּעס צוגעקלערט,
אַז אָן אַ ביקס און אָן אַ שווערד
זאָל הערשן שלום אויף דער וועלט!“
אויף זיינע רייד דערצו ער שווערט.

איז מזל דאָ אין דער משפּחה,
אין געשעפט פאַראַן איז ברכה —
טענהט ער: וואָס וווּנדער קאָן?
איך האָב אַלץ דאָס אויפגעטאָן!
פאַרקערט — חלילה, טרעפט אַ צרה,
איז שוין יענער די כּפּרה:
„כ׳האָב געוווּסט דעם סוף, די ענדע,
אויב מ׳האַנדלט ניט פאַרשטענדיק!“

אַלע ווייסן שוין דעם זמר
פון באַרימער:
איך און איך און איך און איך!

שרייט ער אויף דער העכסטער שטימע —
באַקאַנט און אַלט איז דאָס געזאַנג,
צי גוט, צי שלעכט,
זיין איין געדאַנק:
„איך בין איבעראַל גערעכט!
וואָלט איך זיך געטאָן אַ נעם
און וועלט וואָלט אנדערש אויסגעזען!"

באַרימער ליגנערן און שרייען,
דעם אמת קענען ניט פאַרדייען;
מעגסט אפילו טאָן אַ שפּיי
אויף זייער באַרימעריי —
וועלן זיי זיך אַלץ באַרימען,
כאָטש עס הייבט ניט אָן צו שטימען,
זיי וועלן פּרווון זיך פאַרוויגן
מיט אַ פּריקרע־זיסן ליגן,
א מער — זיי וועלן דיך דערהייבן
אבי דו זאָלסט דעם ליגן גלייבן.
נאָר פון באַרימערישע זאַכן,
בלייבט ניט אנדערש — נאָר צום לאַכן,
ווייל קיינער נעמט אים דאָך ניט ערנסט —
וואָלט ער דערפון כאָטש וואָס געלערנט!

פון זיין „קלוגן, וויטן בליק"
וויל די וועלט ניט זיין באַגליקט!

מיידל און יינגל

(אַ מעשהלע פאַר גרויסע קינדער)

געווען אַמאָל אַ מיידל —
זאָל זי הייסן פריידל —
הימל־בלוי איר קליידל,
איר פּנים שיין און איידל.

האָט איר דערזען אַ יינגל —
זיין נאָמען: גלאַטיק צינגל —
טוט ער צו איר אַ ווינקל:
„דיין פינגער און מיין רינגל!"

ווייסן איצט שוין אלע,
אז דאָס שיינע מיידל —
פריידל —
אין הימל־בלויען קליידל,
און דער בראַווער יינגל —
גלאַטיק צינגל —
זיינען חתן־כלה!

יענעמס, עט...

אלץ וואָס יענער האָט
איזביים צווייטן — עט...
אלץ וואָס אייגנס איז —
וואונדער־שיין און נעט!

טראָגט אַ פרוי אַ קלייד,
טראַכט די צווייטע — עט...
איז עס אָבער אייגנס:
מענטשן, קוקט נאָר, זעט!

יענעמס קינד מעג קלוג זיין,
טראַכט דער צווייטער — עט...
ס'אייגן קינד — אַ טפש:
הערט ווי שיין ער רעדט!

אזוי איז שוין אין לעבן:
אלץ וואָס יענעמס — עט...
אלץ וואָס איז נאָר אייגנס —
ווי קלוג, ווי שיין, ווי נעט!

אַלץ ביי יענעם

טרעפט זיך עפּעס שרעקלעכס —
אַלץ ביי יענעם !
אַן אומגליק ?
ביי יענעם —
ניט ביי מיר !
קראַנקייטן ?
ביי יענעם !
עפּידעמיעס ?
ביי יענעם !
אַ טויט־פּאַל ?
ביי יענעם !
אַ צרה ?
ביי יענעם !
אַ קללה ?
ביי יענעם !
א חרמה ?
ביי יענעם !
צרעת ?
ביי יענעם !
חולאת ?
ביי יענעם !
פּורעניות ?
ביי יענעם !
אַלע וויסטע שלעק ?
ביי יענעם —
ניט ביי מיר !

אזוי טראַכטן יונגע,
אזוי — מיטליאָריקע,
ביי עלטערע מענטשן אָבער —
אַ צווייפל פארגנבעט זיך
און עקבערט אין האַרצן:
עס קען אַמאָל טרעפן —
עפּעס אַ חולאת,
צי — ניט דאָ געדאַכט! —
גאָר דער טויט,
קען זיך אריינשווארצן
שטילערהייט — —

ווערט אומעטיק אַ רגע,
אַ רגע נאָר,
דער צווייפל ווערט צעריסן,
ווי אַ דינע האָר —
און מען מאַכט זיך ניט וויסן,
מען טראַכט זיך ווידער,
עס דאַכט זיך ווידער
דאָס פאַרקערטע:
עפּעס — חלילה —
שרעקלעכס —
ס'ועט טרעפן ביי יענעם!
אלץ ביי יענעם —
ניט ביי מיר!...

אַלײן

שטאַרבט אוועק אַ מאַן
און לאָזט אַ פרוי אַלײן —
בלײַבט זי שטענדיק אײנזאַם איבער,
בלײַבט זי אימער
מיט איר קומער,
מיט איר געוויין.

באַקאַנטע קומען, קרובֿים, פרײַנט, —
די פון נעכטן, די פון הײַנט, —
מיט באַדויער, צי מיט טרייסט,
אַלט און יונג — אַ פולע הויז.
אָבער קיינער פון זיי ווייס,
אַז דאָס ליכט, וואָס שײַנט און שטראַלט,
אויף איר געמיט מיט אומעט פאַלט.

און אין טומל בלײַבט די פרוי
אַלײן און אײנזאַם מיט איר וויי,
פֿאַרלאָזן, עלנט ווי אַ שטיין,
אין האַרצן דריקט אַ שטיל געוויין.

און די אײניקלעך און קינדער —
אַלע קומען זיי אַצינדער,
אַ ווײַלע בלײַבן מיט דער מאַמען —
אײן משפּחה און צוזאַמען.

האַלט עס אָן אַ שטיקל צייט:
צו ערשט — די פריינט,
באַקאַנטע לייט
רוקן אָפּ זיך אָן אַ זייט,
ווערן פרעמד און היפּשלעך ווייט;
שפּעטער — נאָך אַ ברעקל צייט —
און אויך די קינדער ווערן ווייט...

און די מאַמע בלייבט אליין —
איינזאַם מיט איר שטיל געוויין.

קנאה

כ׳האָב געלייענט מיינע לידער
פאַר גוטע פריינד און גוטע ברידער,
און קוק אריין זיי אין די אויגן —
פול מיט קנאה אָנגעזויגן.

לייען איך פאַר פרעמדע מענטשן,
טוען זיי געזאַנג מיינס בענטשן —
די אויגן ווערן ביי זיי יינגער,
זיי באַוואונדערן דעם זינגער.

פרעג איך מיינע גוטע ברידער:
„ווי געפעלן אייך די לידער?"
פאַרציט זיך פּנים מיט אַ מינע —
אַ געמיש פון פריינדשאַפט־קנאה.

„טאָ וואָס זשע אַרט אייך, גוטע ברידער,
וואָס איך שרייב זיך מיינע לידער?
פאַר וואָס זשע איז עס אייך פאַרדראָסיק —
נעם איך צו ביי אייך פּרנסה?"

אומזיסט, אומנישט קומען פאַרדראָסן,
ווייל עס אַרט זיי גאָר נישקשה;
אַנשטאָט פריינדשאַפט קומט אויף קנאה,
באַזאַלצן מיט אַ ביסל שנאה:

וװי קומט ער גאָר צו שרייבן לידער ?
מאַכן זיך אַן אייגן סידור ?
מסתמא איז ער ניט גאָר ניכטער,
אז מיט אַמאָל װערט ער אַ דיכטער.

אזוי פאַרגנבעט זיך די קנאה,
באַפּעפּערט מיט אַ ביסל שנאה :
װייל זיין פערז לייכט און שטראָם איז,
און זיין ליד פאָרט מיט גראַם איז.

נאָר די קנאה — מיך פאַרסמט זי,
פרעסט מיין פריינדשאַפט און פאַרצאַמט זי ;
איך װיל מער פון זיי ניט הערן !
ניט געדאַכט זאָלן זיי װערן !

פלאַגיאַט

אז איך קום אמאָל ווידער
צום רעדאקטאָר
(אגב, אויך א דיכטער)
מיט מיין בינטל לידער,
בלייב איך שטיין ניט זיכער,
מיט אַ שטים אַ ניט געוואַגטער
בעט איך אים טאָן אַ בליק
אין מיין מאַנוסקריפּט.

טוט ער אַ נעם מיין בינטל לידער —
פאר מיר — מיין הייליקער סידור —
מיט א מינע קאַלט און ניכטער
(ס'פּאַסט גאָר ניט פאַר אַ דיכטער),
הייבט אָן נישטערן די בלעטער,
טוט א לויף מיט פלינקע אויגן
פון בויגן צו בויגן,
און צו זיך רעדט ער,
ווי אַ ייד, וואָס דאַוונט מיט כוונה,
פאַרטיפט, פאַרטאָן אויף אַן אמת.

„אייערע טעמעס
קומען מיר פאָר באַקאַנט,
נאָר אָן סכנה..."
הייבט ער מיטאַמאָל אָן בנעימות
ארויסזאָגן זיינע מבינות,

און פּרוווט אַריינוואַרפן אַ וואָרט
צום טרייסטן:
„יאָ, ס׳טרעפט אַזוינס, מיר ווייסן —
לידער פון דעם סאָרט
האָט געשריבן טאַקע לוצקי,
האָט אפשר גאָר דער חבר מענדל
אויסגעשטרעקט א דאַלגאַ רוטשקי
און עפּעס פון אים דערטאַפּט —
כאַפּ־לאַפּ!...
טאָ זייט מוחל, זאָגט נאָר —
צווישן אונדז א צינדער —
האָט איר ניט אַמאָל
פון לוצקין געכאַפּט א ברעקל, אַ האָר,
אָדער גאָר —
געלקחנט אַ צאָל
לידער און פּאָעמעס?...
איר מעגט זיך אויף מיר פאַרטרויען —
מיר זיינען דאָך נאָר אין צווייען,
טאָ זאָגט זשע מיר דעם אמת!"

דער רעדאַקטאָר שמייכלט, לאַכט
פון זיין אייגענעם שפּאַס,
און ער גיט צו באַזאַכט:
„כ׳בעט אייך, זייט ניט אין כעס!
ווייל אייער גראַם
איז פּונקט אַזוי שטראַם,
דער לוצקישער סטיל —
אייער ווערטער־געשפּיל,
אייער פילאָסאָפיש געפיל,

דערצו אזא ריטם —
די לוצקישע שיטה !״

„איר מאַכט דאָך קאַטאָוועס !״
ערנסט איך ענטפער :
„מיינט איר, בנאמנות,
אז איך שרייב ווי ע ר —
ווי לוצקי, דער גרויסער,
דער קענער, דער ווייסער,
דער דיכטער מאָדערנער,
וואָס איך האָב געחלומט
פון אים זיך גאָר לערנען ?
נאָר אויב טאַקע ערנסט
איר רעדט, אָן לצנות,
האָב איך עפּעס געלערנט
און מיך פרייט, בנאמנות !
איז מיין ווייניקייט, הייסט עס,
ווי איר זאָגט, ווי איר ווייסט עס —
אויכעט אַ דיכטער !
טאָ זייט, פּאַניע רעדאַקטאָר,
איצטער מיין ריכטער —
אין אייערע הענט גיב איך דעריבער
איבער דעם גורל פון מיינע לידער !

„איך בין צופרידן,
באַגייסטערט, דערהויבן,
ס'ווילט זיך מיר פּשוט
אזוינס גאָר ניט גלויבן :
עט, עט...

זעט —
אַ פאַרגלייך גאָר ניט לוצקין —
דעם באקאנטן, באוווסטן —
אַ מדרגה א הויכע,
וואָס ניט סתם כל דיכטער
איז זוכה!
נאָר זאָגן איך וועל אייך,
ווי מען זאָגט פאר אַ ריכטער
דעם גאַנצן אמת:
געלערנט פון לוצקין
האָב איך נאָר פון רמז,
ווייל וואָס איז דער נוצן
פון גנבות —
פון א ליד, פון א פרעמדער,
מען בלייבט אַ פאַרשעמטער.
איך האָב פלאגיאט אויסגעמיטן —
כ׳קום קיינעם קיין חובות —
מיין ליד איז אייגנס און ריין,
גרויס אָדער קליין,
און ווייטער — גאָט זאָל מיך היטן!"

ווילסטו וויסן?...

ווילסטו וויסן,
וואָס ביי יענעם טוט זיך ?
ווילסטו וויסן,
ווי ביי יענעם לעבט זיך ?
דאַרפסטו ווייט ניט זוכן —
מאָל דיך,
זאָל זיך
דיר דוכטן :
אַט דו מיינסט
דו ביסט יענער,
וואָס ער לעבט זיך שענער —
וועסטו גלייך אויסגעפינען,
אז דו קענסט עס אים פאַרגינען...

וויסן זאָלסטו :
יעדער איינער —
ווער ער זאָל ניט זיין אזוינער —
האָט זיך צרות אַ גרויס פעקל,
ניט זעלטן — אַ פול זעקל !

פולע פרייד
ניטאָ ביי קיינעם,
אַ ביסל לייד —
ביי יעדן איינעם.

ווייזט אויס:
די פרייד איז ניט גרויס
אָן אַ טראָפּן לייד;
ס׳איז אויך ניטאָ
דורכאויס קיין לייד
אָן אַ ביסל פרייד —
דער אונטערשייד
באַטעמט,
פֿאַרסמט,
דערקוויקט,
דערשטיקט...

דעריבער —
טראָג צו קיינעם
ניט קיין קנאה
(און קנאה חברט זיך מיט שנאה),
ווייל שונאים
קוקן אַלץ ביי יענעם,
און זייער פּיצל אייגן גליק
ווערט פֿאַר זיי אַ שטריק...

דעריבער —
דיין אייגן גורל
זאָל זיין דיר ליבער,
ווי פרעמדע גליקן;
די פרעמדע שטיבער,
וואָס אַנטציקן,
פּרווו אַהין נאָר ארייַנבליקן,

וועסטו זען,
אז דיין לעבן איז גאַרניט
קיין טריבער —
טאָ זאָל שוין זיין ווי געווען!

מענטש איז ניט צופרידן

גייט אויף די זון און זיך צעוואַרעמט:
„גאָט, לעש אויס דעם בראַנד, דערבאַרעם!"
קומט, פאַרקערט, אַ ווינט אַ קאַלטער,
הייבט דער מענטש אָן הימלען שפּאַלטן:
„אָ, גאָט! דערוואַרעם אונדז די ביינער —
זאָל שוין קומען זומער שיינער!"
קומט ווידער זומער, קומען היצן:
„ווי דערלעבט מען רעגן, בליצן!"
קומט אָן שטורעם און דער דונער:
„גאָט, פאַרהיט אונדז פון דעם אומער!"

און דער מענטש איז ניט צופרידן;
ער וויל די צייט זאָל זיין פאַרשידן,
לויט זיין שטימונג, זיין געמיט:
אי זון, אי רעגן — אין דערמיט,
און דערצו — אַ שניי נאָך שיט...
וואָלט מענטש נאָר קענען זיינע צייטן,
ווי אין באַנק — אויף מינץ צעבייטן,
נאָר אַ גליק — ער קען עס ניט!...

זאָרגן

יעדער מענטש ווערט געבוירן
מיט זיין מאָרגן —
זיין טאָרבע פאר זאָרגן...
און ס׳ווערן גלייך פארדאָרבן
די פריידן פון דעם היינט ;
דאָס ליכט, וואָס שיינט,
ווערט פארצויגן
מיט זאָרגן גרויע ;
אַלע טעג —
אַ לאַנגער וועג
פון זאָרגן
פאר דעם מאָרגן !

עס באַפאַלט דעם מענטש
אַ זאָרגן־קרענק,
ווי אַ געשפּענסט :
ביינאַכט, בייטאָג —
אין שטוב,
אין קלוב,
אין שענק,
אויף יעדן ראָג ;
אומעטום קומען זאָרגן
מיט געקלאָג :
וואָס וועט זיין מאָרגן ?

אַט זאָרגט דער רייכער מאַן —
אים פעלט אויף מאָרגן געלט !...
און די רייכע מאַדאַם :
איר פעלץ ארויס איז פון דער מאָדע —
זעט אויס, ווי אַ שטיקל קאָדער...
פאראיאָרן געקאָסט האָט ער פיל געלט,
אָבער איצט — ווי קוקט אויף איר די וועלט ?
אלע אויגן מיט חוזק שטעכן איר — זי פילט...
איר קענט אייך זאָגן וואָס איר ווילט !
און מיט דער דינסט איז עפּעס אויך געשען —
זי איז ניט דאָס וואָס איז געווען
די שוואַרצע דינער ווערן ווילד,
(כאָטש צוליב זיי דיין וועלט פאַרשפּיל...)
און דערצו דער ברוינער קוכער —
אַ טויגעניכטס, אַ נישט מיט ניש׳,
טרינקען האָט גענומען, ווי אַ פיש —
אזעלכע זאָרגן קענען ענדיקן זיך שלעכט,
און זי מיינט — זי איז גערעכט...

און די זאָרגן פון וואַקאַציע —
זיי קומען גלייך מיט אייך אויף דאַטשע :
צי וועט זיין דער וועטער שיין ?
צי וועט מען מאָרגן טאַנצן גיין ?
צי וועט מען שבת קאָרטן שפּילן ?
צי ביים ים — זיך ניט פאַרקילן ?
ווי וועט מאָרגן זיין דאָס עסן ?
צוגאַסט — ווי בעסער זיך אָנפרעסן ?
און נאָך זאָרגן פיל אזוינע —

זאָרגן גרויסע, זאָרגן קליינע,
אָנגעשיקט אויף רייכע מענטשן,
זאָרגן — פון די בעסטע, שענסטע...

אויך דער אָרעמאַן האָט זאָרגן —
זיינע זאָרגן פאַר דעם מאָרגן:
ווו צו לייען, ווו צו באָרגן?
טראַכט ער, טוט אַ קנייטש דעם שטערן,
אין האַלדז ניט זעלטן שטיקן טרערן:
ווי אַזוי מאַכט מען אַ לעבן?
ווי זאָל איך ברויט די קינדער געבן?
ווי משפחה צו פאַרזאָרגן,
אַז ניט זיכער איז דער מאָרגן...
ווי גראָשן צו אַ גראָשן קלייבן,
כדי דעם דלות צו פאַרטרייבן?
ווי זאָל איך אַ פּאָר סענט אָפּשפּאָרן,
צו קענען אויף וואַקאַציע פאָרן?

ער האָט ניט דינער, האָט ניט דינסטן —
אויף דעם סטייען ניט פאַרדינסטן;
ווייניק איז די מזל ברכה,
ס'זאָל זיין גענוג פאַר דער משפחה!
און אַזוי אַ גאַנצן לעבן:
אַן איבעריקן סענט אויסגעבן
קען ער זיך ניט סתם פאַרגינען —
דלות האָט זיך אויך זיין זינען...
קומט די זאָרג פון אַלע זייטן —
באַהאַלט מען זי פון פריינד, פון לייטן.

צי קען מען אָבער גאָר פארגלייכן
זאָרג פון אָרעמען און רייכן ?
דאָך האָט זיך יעדער זיינע זאָרגן —
זאָרגן פון דעם היינט אויף מאָרגן ;
גאָט האָט אָט די זאָרגן־קרענק
מיט ברייטער האַנט דעם מענטש געשענקט !

אַלץ איז פֿאַרשיידן

פעלקער — פֿאַרשיידן,
מענטשן — פֿאַרשיידן,
חיות — פֿאַרשיידן,
פיש — פֿאַרשיידן,
ביימער — פֿאַרשיידן.

פעלקער — דערוויילטע,
מענטשן — דערוויילטע,
חיות — דערוויילטע,
פיש — דערוויילטע,
ביימער — דערוויילטע.

פעלקער — מיט ווײ,
מענטשן — מיט ווײ,
חיות — מיט ווײ,
פיש — מיט ווײ,
ביימער — מיט ווײ.

פעלקער — מיט פרייד,
מענטשן — מיט פרייד,
חיות — מיט פרייד,
פיש — מיט פרייד,
ביימער — מיט פרייד.

פעלקער און מענטשן —
אַלערליי קאָלירן:

ווייסע,
שווארצע,
ברוינע,
געלע,
רויטע.

אזוי אויך חיות,
ביימער,
בלומען —
אלץ איז פאַרביק,
אלץ פארשיידן:
די נאַטור ביי פעלקער,
די נאַטורביים מענטשן,
די נאַטור ביי חיות,
די נאַטור ביי פיש,
און די נאַטור אליין
איז אויך פאַרשיידן —
טאָ ווי קען זיין אייניקייט?

דאָס העמד פון גליק

משל איז עס און לעגענדע —
און גאָר ניט פריילעך איז די ענדע:
אַמאָל אַ פרינץ איז קראַנק געוואָרן,
כמעט פון טאָג פון זיין געבוירן.
האָט באַפוילן טאַטע־קייסער
צונויפרופן די גרעסטע ווייסער,
דאָקטוירים, זנאַכערס, מיניסטאָרן —
און מיט טרערן אין די אויגן
האָט ער זיך פאַר זיי געשוואָרן:
„מיינע אוצרות מיר ניט טויגן,
אויב מיין קינד איז שלאַף און קראַנק!
ווער פון אייך האָט אין געדאַנק
פאַרמיידן פון דעם פרינץ פורעניות —
פאַרשיטן וועל איך מיט מתנות!״

האָבן קלוגע קעפ געטראַכט
וואָכן לאַנג — טאָג און נאַכט,
נאָר חכמה איז ווי אויסגערונען —
קיין רפואה ניט געפונען.
ביז דאָרט איינער אַ פּראָפעסאָר,
וועלכער ווייס פון אַלעם בעסער,
געגעבן האָט צום סוף אַן עצה:
זאָל מען אָנטאָן אויף דער פּלייצע
פונעם קראַנקן פרינץ, דעם קליינעם,
אַ העמד פון עמעצן אזוינעם,
וואָס איז תמיד גליקלעך, פריילעך!״

האָט פאַראָרדנט גלייך דער מלך
אַ העמד אזא אויפזוכן גיכער,
ווייל געגלייבט האָט ער אויף זיכער,
אז עס וועט ניט לאַנג געווערן
און פרינץ וועט באַלד געזונט ווערן.

האָבן שליחים, ווי אַ וויכער,
אַ לאָז געטאָן זיך איבער וועלט —
צופוס, געריטן און געפאָרן,
אין שטורעמס, רעגנס, היצן, קעלט,
דורך אַלע לענדער — יאָרן, יאָרן...
געזוכט האָט מען פון עק צו עק,
נאָר צו זייער גרויל און שרעק,
זיי האָבן ניט געפונען קיינעם —
אַ מענטש אַ גליקלעכן — כאָטש איינעם!

נאָר פאָרנדיק אזוי צוריק —
אָן דאָס העמד פון מענטשלעך גליק,
האָבן זיי אויף פעלד אויף ברייטן
דערהערט אַ פאַסטעכעשן פלייטל,
און אַ זאָרגלאָז, לוסטיק זינגען
און א ניגון פריילעך קלינגען.
זיינען זיי אויף גיך געלאָפן
און אַ פאַסטעך דאָרט געטראָפן,
טוען זיי אים גלייך אַ פרעג:
„צי לעבסטו גליקלעך דיינע טעג?"

האָט פאַסטעך זיי מיט פרייד דערקלערט:
„איך בין דער גליקלעכסטער אויף ערד —

מיינע אלע נעכט און טעג
מיט שמחה פול פון ברעג ביז ברעג!"

האָט דאַן איינער אים געבעטן:
„נאָר דו קענסט אַ לעבן רעטן,
אויב דיין העמד וועסט אונדז פארקויפן —
צום קייסער וועלן מיר גלייך לויפן!"

האָט פאַסטעך האַרציק זיך צערעדט:
„ליבע מענטשן, ווי איר זעט —
מיין העמד וואָלט איך געגעבן גערן,
אז אייער פרינץ געזונט זאָל ווערן,
נאָר ליבער וואָלט איר ניט געפרעגט,
ווייל כ'האָב עס ניט אין מיין פאַרמעג!
נאָר זאָגן וויל איך נאָך אַ וואָרט,
איידער איר צוריק זיך פאָרט:
כאָטש מיין לייב פאַרמאָגט קיין העמד,
איז גליק ניט מינער, ניט פאַרשעמט,
כ'דאַרף קיין געלט ניט און קיין גאָלד,
ווייל כ'האָב מיין אָרעם לעבן האָלט!
כ'בין אליין — אָן קינד, אָן ווייב,
און אָן אַ העמד אויף קוואַרע לייב!"

* * *

אַ נמשל האָט זיך די לעגענדע,
אַ נמשל — פשוט און פאַרשטענדלעך:
אין האַרצן בלויז קען רוען פרייד —
ניט אין העמד און ניט אין קלייד.

1. געלט און וועלט

(כמו א הקדמה)

געלט
גראַמט זיך
מיט וועלט.
מיט געלט —
אַ וועלט.
מיט וועלט —
געלט.
ניט נאָר עס גראַמט זיך —
עס פּאָרט זיך,
עס סאָרט זיך,
עס זאָרגט זיך,
עס באָרגט זיך,
עס טאָרט זיך,
עס שנאָרט זיך,
עס וואַרט זיך,
עס נאַרט זיך,
עס צערט זיך —
מיט געלט,
מיט וועלט.

מיט געלט —
אָפּן די וועלט!
אָן געלט —
אויס וועלט!
געלט איז גאָרע וועלט,
וועלט איז בלויז געלט!

2. געלט און מענטש

א.

דוכט זיך וואָס ?
אזוי אומשולדיק, ריין,
איז דער נאָמען געלט אליין.
נעמט מטבעות,
אַ פּאַפּירענעם טשעק,
אַ וועקסל,
צי באנקנאָטן,
אָדער גאָלד און זילבער —
אָט די אלע געלטער,
אזוינע רואיקע און שטילע,
ליגן אין די אייזן־קאַסטנס
פון אויגן שלעכטע טיף פארבאָרגן,
ליגן אונטער שלעסער —
אין זיכערקייט, אָן זאָרגן.

אזוי טוען די באַנקירן,
פאַבריקאַנטן און גבירים —
אָבער אויך די מיטל־מענטשן
טוען מיטן געלט זיך בענטשן ;
אַלע צערטלען עס און היטן —
פריינטשאַפט ווערט אויף געלט צעביטן,
ווייל אויף געלט מ׳קען זיך שטיצן,
מוז מען עס דערפאַר באַשיצן,

און אפילו מענטשן גוטע,
מיט די ציין ניט זעלטן קריצן,
אויב זיי דאַכט זיך נאַר,
אויב זיי טראַכט זיך נאַר,
אז זייער געלט וויל ווער באַרירן —
פאַר אזא איינעם,
אַ מענטש אזוינעם,
וואָלט איך ניט קאַווירן...

ב.

פארטראַכט די זעלטענע מטבעות
האָבן זיכער
מענטשן בעלי דעות —
און ס'האָט זיך וועלט גענומען יאָגן,
ווי א רוח זיך צעטראָגן:
זיך איבער געלט גענומען רייסן,
איבער געלט גענומען בייסן,
זיך איבער געלט גענומען שלאָגן,
איבער געלט גענומען קלאָגן:
ס'האָבן אייגענע משפחות
זיך איבער געלט גענומען קריגן —
און זיי זיינען אויף צו להכעיס
שונאים זיך פארבליבן.
מענטשן פון די זעלבע קלאַסן,
מענטשן פון די זעלבע ראַסן,
גאַנצע פעלקער,
גאַנצע לענדער,

אלע, אלע —
אין דעםווילדן געלט־שגעון,
ווי ווערעם שמוציקע זיך ראַיען.

ג.

שוין אין אַלטע חומש־צייטן
האָט געלט זיך ניט געלאָזט פאַרבייטן,
און קורח, ווי עס איז פארשריבן,
אוצרות גאָלד האָט אָנגעקליבן —
און טאַקע צוליב דעם, דעריבער,
איז זיין סוף געווען אַ טריבער:
אין יאָגעניש נאָך שקל־קלונגען
האָט ערד אים אין איר טראַכט פאַרשלונגען.
און שפּעטער איז אזוי געוואָרן —
אין א קורצער צייט פון יאָרן:
מדבר־יידן, שוועסטער, ברידער,
בני ישראל — אַ גאַנץ פאָלק, —
ווי נאָר משה איז אוועק
אויפן בארג די תורה קריגן, —
האָבן זיי מיט א גערודער,
אָן אַ סדר, אָן אַ טאָלק,
מיט ווילדע קולות זיך צעשריגן:
נעמען זאָל עס שוין אַן עק!
אהרון, שוין א גאָט זאָל ווערן!
האָט אהרון אין נסיון שווערן,
פאַר דער עדה, עקזאַלטירטער,
פאר די יידן, די פאַרפירטע,

צוגעשטעלט אַ גאָט פון גאָלד ;
געטאַנצט, געיובלט האָט דאָס פאָלק —
טרומפּייטן האָבן זיך צעשאַלט —
פאַרטוישט דעם אמת גרויסן גאָט
אויף א גאָלדן קאַלב מ׳האָט ;
און פון עגל-צייט ביז איצט
אַ טאַנץ צום גאָט פון גאָלד זיך ציט.

אלע בלוטיקע מלחמות,
אלע פינצטערע פורעניות,
אלע אייביקע מחלוקת,
אַלע מענטשלעכע היזקות,
אלע טרערן און געוויינען,
אלע יאָען, אלע ניינען,
אלע יאָמערן, געשרייען,
אלע מאַטערנישן, ווייען,
דאָ אויף אונדזער בידנער וועלט —
דער נאָמען פון דעם אלץ איז געלט !

ד.

נעמט אפילו די קבצנים,
באלמעלאָכעס און אביונים,
נעמט אַ ליאַדע אָרעם מיידל —
אלע, אלע זיינען איידל
מיט די פּרוטות, די מטבעות —
פאַרדינט כשר לכל הדעות,
פאַרהאָרעוועט מיט פּראַצע שווער,

דורכגעווייקט מיט שווייס און טרער,
פון טעג און נעכט, פון יאָרן לאַנגע,
פון שפּאָרענישן און פון מאַנגל,
היטן זיי אָט די מטבעות,
פּונקט ווי הייליקע קמיעות,
באַוואַכן זיי דאָס געלט מיט ציטער —
יעדער איז פון געלט דער היטער...

אָבער ווי געזאָגט שוין פריער:
אלע געלטער אָט די שטילע,
וועלכע ליגן זיך באַהאַלטן
אין קאַסעס אייזערנע, אין קאַלטע;
געלט פאַרקאַוועטע אין תפיסות,
צוליב מענטשנס גיר און רשעות,
זיינען גאָלד־פּענטעס, ווי בליי,
וואָס לאָזן ניט דעם מענטשן פריי!
אין חושך און אין זון צעהעלטער,
ביי דעם אָרעמאַן אין קעלער,
אויף ביידעמער, אין נאָרע־לעכער,
אונטער ענגע, נאַסע דעכער,
אין קעשענעס, פאַרקוועטשט אין פויסט —
געלט איז שטאָלץ, ס'געלט זיך גרויסט,
עס גלעט, עס צירט,
רעגירט,
פאַרפירט,
ס'האַרץ פון מענטשן רירט עס,
רירט —
טייער ווי זיין אייגן לעבן,

געלט איז אידעאַל און שטרעבן,
געלט איז שוץ און איז באַשיצער,
געלט איז נוץ און איז אויסניצער!

און די אַלע געלט-פאַרשווינען,
כלומרשט קלאָגן, כלומרשט וויינען,
אין דער שטיל זיי גראָבן, גראָבן,
אין לעבן זאָלסט קיין רו ניט האָבן!
שטענדיק, ווי דער יצר־הרע,
זיי שיקן אָן אַ נייע צרה,
מענטשנס רו נאָר צו באַרויבן
און זיין שכל צו באַטויבן:
„געלט וועט געבן גליק דיין לעבן!
געלט וועט שטענדיק רו דיר געבן!
יאָג נאָך געלט זיך אָן אַן אָפּשטעל —
וואַרף צו געלט דיין לייב און זעל!

„זאַמל, זאַמל אָן אַן אויפהער,
ווער פאַררעטער, ווער פאַרקויפער,
קיינמאָל זאָלסטו זאַט ניט ווערן,
זאָל די קנאה דיך פאַרצערן...
יאָג נאָך געלט דיין גאַנצן לעבן —
געלט דיין האָפן און דיין שטרעבן;
האַלט עס כל־זמן דו וועסט לעבן,
זאָלסט קיינעם פון דיין געלט ניט געבן!

ה.

באַנקנאָטן נעמען שטיל זיך סודן,
און מטבעות נעמען ריידן

צו אלע מענטשן — אַלט און יונג —
מיט חכמה כלומרשט, מיט א זונג,
מיט אַ קיצל, מיט אַ ווונק:
הערט זיך צו צו אונדזער קלונג!
ווילט איר, מענטשן, געלט נאָר האָבן,
מוזט איר זיך צו דעם דערגראָבן —
געזונט און יאָרן מוזט איר געבן
און פארקירצן זיך דאָס לעבן,
נאָר דערגראָבט איר זיך צום ציל
און זאמלט אָנעט אוצרות פיל —
דאָן קענט איר מיט אייער געלט
באַהערשן אלץ, די גאַנצע וועלט!

ו.

נעמען יונגע מענטשן יאָגן,
וועגן זיך אדורכצושלאָגן,
נעמען שמייען, האַוועז, לויפן,
און פאַר געלט געזונט פאַרקויפן;
ווערן אַלט און גרוי פון זאָרגן —
ניט קיין היינט און ניט קיין מאָרגן —
לויפן לייען, לויפן באָרגן,
נעמען פונעם לעבן קאַרגן
ביז דאָס לעבן נעמט זיי וואַרגן...

וואָס מיר גואל? ווער מיר קרוב?
גוטע מענטשן ווערן חרוב!
וואָס מיר מאַמע? ווער מיר טאַטע?
נאָר מיט געלט זיי ווערן זאַטע!
גוטע מענטשן, שוועסטער, ברידער —

צוליב געלט ווערן דערווידער,
יעדער אין זיין איך פאַרקראָכן,
ביסלעכווייז ווערט מען צעבראָכן.

יאָגט מען זיך אזוי דורך יאָרן
און מען האלט זיך אין איין נאַרן —
יאָר נאָך יאָר — אזוי אָן אויפהער,
אין גע׳יעג נאָך געלט, מיט אייפער:
האָט מען הונדערט — וויל מען מערער,
האָט מען טויזנט — וויל מען נאָך מער,
האָט מען שוין דערגרייכט מיליאָנען —
וויל מען מער נאָך — —
מענטשן ווערן געלט־פארשיכורט,
אלץ ווערט נול,
נאָר געלט — דער עיקר!
ביז — מיטאַמאָל דער מענטש דערפילט,
זיין לעבן איז שוין אויסגעשפילט...

איצט דערמאָנען אים די יאָרן:
„זע, פון דיר איז אש געוואָרן!
האָסט דאָך אונדז אויף געלט פאַרביטן
און דיין לעבן אָפגעליטן,
האָסט פאַרקויפט זיך פאַר דאָס געלט —
פאַרכאַפן האָסט געוואָלט די וועלט!"

ז.

און ס׳ליגט איצט דער מענטש
אַ חולה מסוכן,

אויפגעהערט שוין
פּאַר געלט זיך צו בוקן.
באַטראַכט ער זיין עבר,
מאַכט זיך אַ חשבון —
ניט פון זיין געלט,
וויפל עס איז ווערט,
נאָר חשבון־הנפש
פון אייגענעם איך —
פון זיך!

ליגט ער און טראַכט,
ליגט ער און דאַכט,
ס׳לויפן געדאַנקען,
דערמאָנונגען צאַנקען:
ווי ערשט נעכטן געווען,
אליין זיך געזען —
יונג און געזונט
מיט טאַנץ און מיט שפּרונג;
מיין יוגנט פאַרטאַכלעט,
געזונט מיין פאַרמחלהט,
דאָס גליק מיינס פאַרשווענדט
מיט די אייגענע הענט!
אַלץ פאַרביטן אויף געלט —
רעכט אויף מיר, רעכט!
בעט זיך איצט מענטש
רחמים ביים געלט:
„גיי זיך צוריק,
ביסט מער ניט קיין גליק!
גיי זיך, געלט, גאָר,

און מיר גיב נאָר
געזונט מיין צוריק,
מיט א פיצעלע גליק !״

ח.

צעלאַכן זיך געלטער
מיט בייזן געלעכטער
דעם מענטשן אין פנים :
„וואָס דרייסטו א מוח ?
צי ביסטו משוגע ?
צי גאָר חסר־דעה ?
געמאַכט האָסט אַ מסחר,
טאָ האַלט זיך דערמיט !
דו דאַרפסט שוין במילא
קיין געלט פאר זיך ניט !...
דו דארפסט שוין במילא
קיין וועלט פאר זיך ניט ...
דיך רופט דער בית־עולם,
דו ליימענער גולם !
און דאָרט האָט דאָס געלט
קיין חשבון, קיין ווערט...
אלץ וואָס דו האָסט —
עשירות, פארמעגן,
בלייבט הינטער דיר :
מ׳וועט ניט מיטגעבן,
דו וועסט ניט מיטנעמען —
אַלץ בלייבט פאַר יענעם...

ט.

צום לעצטן מאָל שטאַרק זיך,
אַט קומט שוין דער שעכטער — — —
ווי אויף לייטיש געלעכטער
אַלע שוין וואַרטן —
פרעמדע און נאָנטע,
פריינט און באַקאַנטע,
צו זען דיר ביים סוף,
אין אייביקן שלאָף — —
מאַך צו דיינע אויגן —
אַ חלום אַ פאַלשער
דיין לעבן געווען
און פארפלויגן ! — —

י.

בלייבט מענטש פאַרבלייכט,
זיין האַרץ פאַרווייכט,
זיין אויג פאַרטרערט —
אָן זיין געלט...
דער פונק פון גאָלד
לעשט זיך צום לעצטן מאָל
צוזאַמען מיט זיין וועלט — —

שוואַרצער
און
זיין וועלט

244

„ריקשע־באָי״

(דערבענער מאָטיוון)

האָט א מענטש זיך איינגעשפּאַנט —
עס גליט דער טאָג מיט פייער־בראַנד —
אין אַ וועגל, ווי אַ פערד,
גאָר ניט לויט זיין מענטשלעך ווערט ;

אָנגעהאנגען ט׳ער אויף זיך
קאָלירטע שמאַטעס, שטיקלעך פעל —
רויטע, גרינע, בלויע, געל,
סאַנדאַלן ווייכע — זיינע שיך.

אויף די פיס רונד ארום,
אָנגעדרייט האָט ער קאַרעלן —
יעדע איינע, ווי אַ בלום,
אויסגעשניצט פון ים־ברעג שעלן.

אויפן קאָפּ ארויפגעשלעפּט
האָט ער אַ מיץ מיט אָקסן־הערנער,
ווערט דער מענטש אַ שרעק־געשפּענסט —
פון קאָפּ עס שטעקן אים פיר דערנער...

און זיין ברוסט האָט ער פאַרהאַנגען
מיט אַ שילד — געמאָלט אין קווייטן,
כדי אַ קונד אַמאָל צו פאַנגען
מיט זיין פאַרביקייט באַקליידטע.

לויפט אַזאַ סטראַשידלע־מענטש
איבער אלע שיינע גאַסן,
מיט אַ קלונג און מיט אַ פייף,
ווי ער וואָלט די פייגל סטראַשן...

* * *

אַ ווונק צו די פאַרבייגייער:
„גרייט בין איך און וויליק,
פירן מיט מיין כוח אייך
פאר איין איינציק שילינג!..."

שפרינגט ער אָפּ אזוי אַ טאָג —
גייט אַהיים מיט ליידיק:
„שלעכטע מענטשן אויף דער וועלט!"
ברומט ער צו מיט ווייטיק.

טרעפט עס אָבער דאָך אַמאָל:
פּאַסאַזשירן קומען —
שפרינגען, טאַנצן נעמט דער מענטש
און פאר שמחה ברומען.

און ס'לאָזט זיך איינגעשפּאַנטער מענטש
גאַלאָפּירן, לויפן —
מיט אַ פייף און מיט אַ שפרונג
זיין געזונט פארקויפן.

זיצן זאַטע מענטשן צוויי
אויפן וועגל אויבן,
אַ שרעק צו קוקן, אַך און וויי,
ממש קוים צו גלויבן,

אז דער בחיר־הבריאה — מענטש,
מגולגל אין אַ פערד ווערט...
מעג זיך מיט חרפה צודעקן
די גאַנצע בידנע ערד!״

דזשים

אונדזער שוואַרצער דינער דזשים,
ווי דאַר ער איז און קליין,
באַדינט ער אָבער שטוב און גאָרטן —
אייניינקער אליין.

רוימט ער, וואַשט ער, פוצט און רייניקט,
אַרבעט אויך אין גאָרטן —
זייט ער, פלאַנצט ער, כאָוועט, צערטלט,
בלומען אַלע סאָרטן.

זיין שכר איז אָבער פיל צו קליין
פאַר אַרבעט אזא שווערער,
זיינע אויגן בעטן רחמים:
אַ פּאָר סענט גיט מערער!

עסט ער, טרינקט ער, וואָס עס מאַכט זיך,
קלייבט קיין זאַך ניט איבער,
קריגט קיין מאָל קיין גוטן ביסן —
בעט ער גאָרניט ליבער.

ער אַרבעט אָפּעט לאַנגע שעהן,
אַרבעט ער שוין יאָרן —
זיין געזונט האָט ער פאַרלוירן
און איז גרוי געוואָרן.

האָט א לעבן אָפּגעחלומט:
אַקסן זיך איינקויפן,
און אין קראַל וועט ער פאָרן —
אַ כלה פאַר דעם קויפן.

איז חלום, ווי אַ רויך פאַרשוווּנדן,
צוזאַמען מיט די יאָרן —
גריבלט דזשים די אַלטע ווונדן,
שילט טאָג פון זיין געבוירן.

די וועשערין

אַ קינדיש קעפּל — שוואַרץ, געקרייזלט,
איינגעבונדן אויף איר פּלייצע,
מיט קינד — אַ פּעקל אויף איר רוקן —
צו איר שווערער אַרבעט גייט זי.

אויף איר קאָפּ א גרויסער פּאַק
מיט פיינע גרעט צום וואַשן,
נאָר איר אָנטועכץ איז שמאַטעס,
צעריסענע קאַמאַשן.

שפּאַנט זי שווער באַרג ארויפעט —
די זון גליט אזוי הייס,
שפּאַנט זי שווער בארג אַראָפּעט —
פון פּנים רינט אַ שווייס.

יעדן טאָג אזוי זי שפּאַנט,
פרי, פון גאָר באַגינען,
מיטן קינד אין פּאַק פארבונדן —
ברויט אויף צו פאַרדינען

מינאַ און לינאַ

מינאַ איז אַכצן,
מינאַ איז ווייס,
לינאַ איז אַכצן,
לינאַ איז שוואַרץ.

לעבן זיי ביידע —
בייטאָג אין איין הויז,
קומט אָן דער אָוונט —
גייט מינאַ ארויס.

לינאַ בלייבט איבער
צו ניאַנטשען דאָס קינד,
און שווערער טאָג אַרבעט
אין מידקייט צערינט...

מינאַ צוריק קומט
שפּעט אין דער נאַכט —
געוועז אויף אַ פּאַרטי,
געטאַנצט און פאַרבראַכט.

לינאַ, זי גייט קוים
אין שענטי אריין —
פאַלט ווי אַ סנאָפּ
און שלאָפט תיכף איין.

אַ שפּראָץ אויף באַגינען
שוין ווידער אין קיך —
ס'ערשטע זי נעמט זיך
צו פּוצן די שיך.

ציט זיך דער טאָג
ביז שפּעט אין דער נאַכט,
פון מידקייט די אויגן,
זיי ווערן פאַרמאַכט.

מינאַ דערמאָנט זיך:
געזען אַ ניי קלייד!
לויפט זי שוין גיכער
און קויפט עס — אַ פרייד!

מינאַ פאַרשווענדט
אַן אוצר מיט געלט —
ס'העלפט איר דער טאַטע
און קיין זאַך איר פעלט.

לינאַ, זי ארבעט
פאר גראָשנס מיט געלט,
צו העלפן איר טאַטן
אויף ברויט, וואָס אים פעלט.

דאָס ליד פון אַ „פּיקינין"

מיין מאַמע האָט געבוירן מיך
מיט אַ שוואַרצער הויט,
דעריבער, זאָגט מיין מאַמע מיר,
דאַרף איך ליידן נויט.

נאָר פאַרוואָס דאַרף זיין אזוי
קען איך ניט פאַרשטיין ?
פרעג איך ביי דער מאַמען מיין,
ווייס זי ניט אליין.

לאַכט דער קליינער באָס פון מיר :
„וואָש דיין פּנים אָפּ !"
וואָש איך זיך און שייער זיך,
איך רייב די הויט באַלד אָפּ...

טרייבט מיך קליינער באָס פון זיך
מיט רוגזה, גאָר א שרעק,
זידלט מיך און שרייט אויף מיר —
מוז איך גלייך אוועק.

לויף איך צו מיין מאַמען שנעל
מיט א גרויס געוויין,
פארזאָגט זי מיר : צום קליינעם באָס
וואַג ניט, טאָרסט ניט גיין !

בלייב איך זיצן, ווי געפּלעפט,
מיט טענות פיל צו גאָט :
פאַרוואָס געבוירן שוואַרץ בין איך ?
ביסטו אויך שוואַרץ, מיין גאָט ? !

אָקס און מענטש

שלעפּן צוויי אָקסן
צוויי סאַכעס אין פעלד,
זיי טרייבן צוויי שוואַרצע
מיט ברום און געשעלט.

שטופּן די סאַכעס
די שוואַרצע — באַנאַנד,
זיי שמייייסן די אָקסן,
די בייטש פייפט אין האַנט.

די קעפּ פון די אָקסן
געבויגן צו דר'ערד,
ווי איינער צום צווייטן
וואָלט שטיל זיך גערעדט:

פון אלע בהמות
אונדז איז גאָר שלעכט —
נאָר פּראַצעווע, האָרעווע,
די ביינער מען ברעכט.

און פּרווו נאָר אַ רגע
זיך שטעלן, און באַלד —
די בייטש אויף דיין רוקן,
ווי פייער, שוין קנאַלט.

זיי וואָלטן כאָטש פֿילן
דעם ווייטיק, וואָס שניידט
אונדזערע פעלן —
די שוואַרצע, די לייט...

זיי מוחל, מיין חבר !
דער צווייטער, דוכט, זאָגט :
דו מיינסט, אז די שולד איז
פון שוואַרצן וואָס יאָגט ?

אויך ער האָט פון הינטן —
אַ ווייסן, זיין האַר,
און טאָמער ער פאָלגט ניט
דראָט אים אַ געפאַר.

אַ פּנים ביי מענטשן
האַרן דאָרט פיל,
וואָס פרעסן און זויפן
אָן אַ שום ציל.

דעריבער זיי קענען גאָר
אונדז ניט פאַרשטיין,
ווי אונדזערע לייבער
ברענט יאָכיקע פיין.

מענטש און פערד

שוואַרצע ארבעטער
זייען אַ גאָרטן,
דערנעבן צוויי פערד —
אַקערן דאָרטן.

מענטשן און פערד —
שטומקייט אין בליק,
אויגן זיך טרעפן —
פון פריינדשאַפט אַ בריק.

דערציילן די פערד
מיט אויגן פון טרויער,
אז פון דער פראַצע
ביז נאַכט, ביז דער גרויער —

פון גראָבן מיט אַקער
טיף אין דער ערד,
פעלן שוין כוחות,
טענהן די פערד.

וואָלטן כאָטש מענטשן
איינזען געהאַט,
ניט קאַרגן מיט עסן —
עס געבן צו זאַט.

איז אָבער און ווידער
אין קאַרעטע היי,
זעלטן אַ האָבער,
צומאָל הוילע שטרוי.

אָבער אין שטאָל
פאַראַן פוסטאָקראַטן,
וואָס פרעסן און זויפן —
אַ לעבן אַ זאַטן.

טאָ ווו איז ביים מענטשן
דער שכל, דער יושר ?
ווער קען אונדז דערקלערן ?
ווער קען אונדז זיין פותר ?

ענטפערן שוואַרצע
מיט בליקן פון קומער,
ווי ס'וואָלטן די הערצער
צערעדט זיך, די שטומע :

אָט האָרעווען מיר
שווער, אזוי ביטער,
און אנדערע האָבן
מאַיאָנטקעס און גיטער.

אויך ביי אונדז, מענטשן,
פאראן פוסטאָקראַטן,
וואָס לעבן אין ווילטאָג,
אַ לעבן אַ זאַטן.

זיי קימערט גאָר ווייניק,
אויב אונדז פעלט צום עסן,
זיי לעבן זיך רואיק,
זיי זויפן און פרעסן.

און ס'איז גאָר פאַרדראָסיק,
עס העלפט ניט קיין טענה:
ווער קוקט זיך דען אומעט
אויף שוואַרצע אזוינע?

און אויב שוין פאַרגלייכן
מענטש־פערד מזלות,
דוכט זיך — מיר האָבן
די זעלביקע דאָליעס.

מענטשן און פערד
פון די אָרעמע שטאַמען —
צרות די זעלבע,
זיי ליידן צוזאַמען.

דער „פּיקניק" און די אָקסן

שטייען אָקסן, אָקסן אַכט,
איינגעשפּאַנט אין וואָגן,
געדולדיק שטייען זיי דורך נאַכט,
ביז עס הייבט אָן טאָגן.

קומט אַ יינגל — שוואַרץ און קליין,
נעמט די אָקסן טרייבן,
קומט אַ פּיקניק צוגיין —
אין וועג מען נעמט זיך קלייבן.

די אָקסן טרעטן לאַנגזאַם, שטיל,
ניטאָ זיך וואָס צו איילן,
סתּם אַזוי זיך, אָן אַ ציל,
דאַרף מען ציען מיילן.

קומען זיי אין שטאָט אַריין —
די שטאָט איז אויפגערוימט און פיין —
גאַסן זיינען ליכטיק־שיין,
גאַסן זיינען ציכטיק־ריין.

אויפן וואָגן ליגט אַ פּאַס,
דרייט זיך אויף אַלע זייטן,
און שרייט אַראָפּעט צו דער גאַס:
ווי גוט איז עס ביי לייטן!

קלייבן מענטשן זיך ארום —
ווערט אַ ראַד אַ רונדער,
טוט איינער זיך אזוי אַ ברום:
געזען שוין אזא וווּנדער?

אז א שוואַרצער פּיצל קינד
זאָל טרייבן אָקסן אַכט?
אים קען אוועקטראָגן דער ווינט...
ער וויצלט זיך און לאַכט.

גיט אַ צווייטער צו פאַרשטיין:
זייט מיר אלע מוחל,
אלץ איז טאַקע זייער שיין,
נאָר ס׳פעלט די אָקסן שכל...



דער װעג פֿון לײד און פֿרײד

אױפֿן טראַקט, אין מיטן גאַס,
שטײען שװאַרצע פֿיל,
געזיכטער — שװײס־באַגאָסענע,
כאָטש דער טאָג איז קיל.

אײנער גיט אַ צײכן, זינגט
אַ ניגון אױס צום טאַקט,
און אַ כאָר כאַפּט אױף, עס קלינגט —
מיט די העק מען האַקט.

האַקן זײ, זײ גלײכן אױס
דעם שטײנערדיקן װעג,
װאַקסט דער װעג — לאַנג און גרױס —
אין פֿראַצע, דורך די טעג.

ס'הילכן שטימען אין דער לופֿט,
די אַרבעט גײט גאָר פֿײן,
דער אױפֿזעער, ער מונטערט, רופֿט:
דער װעג מוז פֿאַרטיק זײן!

די שװאַרצע יאָגן זיך. די צײט —
אַ שנור פֿון האַרטע טעג...
דאַן פֿאָרן אָן די שײנע לײט
אױפֿן נײעם װעג.

פאַרן מענטשן אויף דער גאַס,
קוועלן אָן פון פרייד,
און די שטיינער — שטומע, בלאַס —
דערציילן ניט פון לייד...

אַ ברויןביימעלע

דריי ביימער
שטייען אין אַ גאָרטן —
מסתמא האָט עמעצער
פאַרפלאַנצט זיי דאָרטן.

איז איינער אין מיטן
אַ קליינער, אַ ברוינער,
ביי זיינע זייטן —
צעגרינטע צוויי ביימער.

שטייען צוויי שוואַרצע,
באַטראַכטן דעם בוים:
פרעכטיק ער איז,
זיין שיינקייט — א טרוים.

זיין ברוינער קאָליר
פאַרשיינט דעם ארום,
אין פרילינג זיין צוויט
איז דופט פון פאַרפיום.

צערעדט זיך דאָס ביימל
פון ברוינעם קאָליר:
ס'איז גאָר קיין חידוש
דאָס באַוווּנדערן מיך —

אויך איר האָט מיין פאַרב,
דעם זעלבן קאָליר —
ס׳האָט אונדז דער מזל
מיט שוואַרצקייט באַרירט...

איז וויפל פורעניות
שטייט איר זיך אויס,
צוליב אייער הויט,
וואָס זעט טונקעלער אויס ?

אויך ביי אונדז ביימער
די זעלביקע צרה :
קוקט אָן מיינע שכנים —
זאָלן זיין די כפרה !

ווי נאָר אַ ווינטעלע
נידערט אַראָפּ,
פון זייטן, פוןביידע,
זיי קלאַפּן מיין קאָפּ...

זיי טוען עס, מיינט איר,
פון ליבשאַפט צו מיר ?
גראָדע פאַרקערט —
פון האַס אָן אַ שיר.

מיינע בלעטער די ברוינע
געפעלן זיי ניט,
קאָכט זייער כעס,
אָ גאָט, מיך באַהיט !

דער בוים, וואָס איז שטאַרקער,
ווי מענטש, וואָס איז רייך —
וויל איינער דעם צווייטן
דערשטיקן באַגלייך.

שיך שמועסן

בראָדזשען, בראָדזשען צוויי פּאָר שיך
אויף די פיס פון שוואַרצע צוויי,
קלאָגט זיך איינער פאר די דריי
אין שיך־לשון — כמו־אזוי:

„צעלעכערט בין איך שוין גאָר לאַנג,
עס מוז שוין זיין אַ וואָכן פיר".
ענטפערט צווייטער אָפּ מיט צער:
„אדרבא, קוק אויף מיר —

ניט מער קיין פּנים פון אַ שוך,
צעקרימט, צעלאָמט, שוין אָן א זויל!"
רעדט דער דריטער, ווי פאַר זיך:
„עס נעצט מיר דורך, ס׳כאַפּט א גרויל!"

און דער פערטער קלאָגט זיך שטיל:
„איך שלעפּ זיך שוין אויף הוילע פיס,
ס׳איז מיר קאַלט, ס׳איז מיר נאַס,
און דער רעגן — גיס און גיס!

וואָלטן באַלעבאטים כאַטש
פריי אַ ביסל מיך געלאָזט —
שלאָפן זיי אין שיך ביינאַכט,
און דער ווינט — דורך מיר ער בלאָזט..."

די שוואַרצע אָבער פול מיט זאָרג,
עס אַרט זיי ניט די שיך קיין האָר,
אין מאָגן עגבערט זיי, עס נאָגט:
אַ פּענעץ ברויט ווו נעמט מער נאָר?!



אַ מאַנטל

האָט אַ שווארצער אָנגעטאָן
אַ העלן מאַנטל פון זיין באַס,
בונטעוועט דער מאַנטל זיך:
ווי ווייזט מען זיך אין גאַס?

געלעגן בין איך פיין און גלאַט
אויפן אַקסל פון מיין באַס,
איצטער איז מיר זייער שלעכט,
פון מיר וועט ווערן שטויב און אַש.

פון פאַרדרוס, פון פיין און לייד
כ׳וועל ניט אויסהאַלטן מער לאַנג,
אַ מעשה אָנטאָן וועל איך זיך,
אזא לעבן טוט מיר באַנג!

דעם סוף פון מאַנטל ווילט איר וויסן? —
פאַר חרפּה איז געוואָרן אַלט,
געוואָרן אַלט, געוואָרן קאַלט
און אויף שטיקער ער צעפאַלט...

אינדיער

(דערבענער מאָטיוון)

א

אַ פאַרפלייצונג פון אינדיאַנער,
ווי דער זאַמד על שפת הים —
זיי נישטערן פרנסה־ברעקלעך,
נאָר שטיקל ברויט קומט אָן מיט סם.

אָט בראָדזשען זיי אַ טאָג אַ גאַנצן —
באָרוועסע, אין הייסן זאַמד,
פינקלען טאַצן אין די הענט,
און פון אויגן — הונגער פלאַמט.

ציטערט אויף מיט אַ געבעט
זייער אומעטיק געזאַנג:
צוקערלעך און נאַשעריי,
טיי און קאַפע, קאַלט געטראַנק!

אַבער זעלטן קומט דאָס גליק,
אז עמעצער טוט זיך אַ קער
און ער שענקט אַ פריינדלעך בליק —
דאַן גלאַנצט אין אויג זייערס אַ טרער...

ב

אין דער אויסגעצירטער גאַס,
וואָס מען רופט „מאַרין פּאַרייד״,
איילן אינדיער, — שוויסיק, נאַס,
אין ווייסע מאַנטלען אָנגעקליידט.

מיט צוויי קוישן אין די הענט,
אָנגעפּאַקט מיט זילבער, מעש —
פאַרדינען ווילן אַ פּאָר סענט
פאַר שטיקלעך צאַצקעדיק געפעס.

נאָר מענטשן יאָגן זיי פאַרביי,
דאַמען אויסגעפּוצטע, פיין —
מען אנטלויפט פון זייער שריי,
מען וויל ניט הערן זייער פּיין.

ג

אויף שפּאַציר, ביי די האָטעלן,
אינדיער פרויען — מיט קאַרעלן,
אויף די הענט גרויסע קראַנצן,
ווי בריליאַנטן טוען גלאַנצן.

בעטן זיך מיט פייכטע אויגן,
ביי די דאַמען אויף שפּאַציר,
מיט די קעפּ צו ערד געבויגן:
„קויפט, איר וועט דערמיט זיך צירן!״

ווייַנט אַ שטים: דורך טעג געקליבן
און דורך נעכט די שיינע שעלן,

געשלייפט מיר האָבן זיי, געריבן,
און אָנגעצויגן שניר קאַרעלן.

מיר גיבן אייך די גאַנצע פּראַצע
פאר א נישטיקער מטבע,
קלייבט זיך אויס: אָט איז אַ גראַציע,
און אָט: א זעלטענע קמיע!

נאָך זעלטענער אָבער אַ קונה
דער פאַרקויפערין דערבליקט,
און מיט מטבעות אַ פּאָר קליינע
דער פארקויפערין באַגליקט.

טאָ ווי זשע לעבן אָט די מענטשן —
די געשטראָפטע אויף דער וועלט?
מיט זיין האַנט מעג גאָט זיי בענטשן
און זיי געבן וואָס זיי פעלט!

גאַסן־זינגער

(דערבענער מאָטיוון)

פארן בנין פון האָטעל
אויסגעשטעלט זיך אין אַ קרייז,
האָבן זיבן גאַסן־זינגער —
זיי שלעפּן זיך פון הויז צו הויז.

אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן,
אָנגעטאָן אין שמאַטעס,
אזש עס האַלטן זיך שוין קוים
די אָנגעניייטע לאַטעס.

טיילט זיך איינער פון זיי אויס,
שטעלט זיך אין דער מיט,
מיט אַ פּייקל קלאַפּט ער צו —
אַ ניגון ער פאַרציט.

כאַפּן אַלע זינגער אונטער,
אַלע מיט איין מאָל —
יעדער אויף זיין אייגן אַרט,
יעדער אויף זיין קול.

פּייקל טוט אַ שיט ארויס
ארבעסלעך — עס האַקט,
און דאָס טרויעריק געזאַנג
ווערט באגלייט צום טאַקט.

קלינגען טענער טרויעריק,
הארמאָניש, מיט געוויין —
אין זיין ליד אַ זולו טוט
פאַרשילטן זיין געביין.

און אָט שפרינגט אַ יונג ארויס,
אויגן פול מיט גלאַנץ —
לאָזט ער זיך אַ באָרוועסער
אוועק אין ווילדן טאַנץ.

שפרינגט ער, האָפקעט פויגל־פריי,
דרייט זיך אין אַ ראָד —
ארום אים זיין חברה זינגער
טאַנצט אַ קאַראַהאָד.

לאַנגזאַם לעשט זיך דאָס געזאַנג,
ס׳פייקל שטילט זיך איין,
ווידער טענער טרויערן —
דערציילן ווײ און פיין.

קומט ארויס אַ מיידעלע —
אַ שוואַרצינקע, פון כאָר,
אין א צעריסן קליידעלע,
קרייזעלעך — די האָר ;

בעט זי ביי די רייכע געסט :
„אַ נדבהלע פאַר ברויט !"
דערציילן אירע אויגעלעך
פון הונגער און פון נויט.

שמייכלען רייכע געסט צו איר,
צענעמען זיך די הענט —
קוים פון טאַש ארויסגעשלעפּט
אַן אָפּגעריבן סענט...

דער זינגער־כאָר פארנויגט די קעפּ —
געבויגן ביז דער ערד,
ס'מיידעלע קוקט שטום, פאַרקלעמט,
מיט אייגעלעך — פאַרטרערט.

אַ מיידעלע מיט בלומען

(דערבענער מאָטיוו)

אַ מיידעלע, אַ טונקעלע —
יאָרן האָט זי אַכט —
שטעלט מיך מיט אַ שמייכל אָפּ,
איר קינדיש פּנים לאַכט.

די שווארצע הערעלעך פאַרקאַמט,
פאַרקלאַמערט מיט א רייף,
איינגעבונדן אין די האָר
איז א רויטע שלייף.

צעריסן איז איר קליידעלע,
באָרוועס אירע פיס,
מיט צוויי בלימעלעך זי לאָקט,
די אויגן בעטן זיס:

„קויפט אַ בלימעלע פון מיר,
גיט וויפל איר ווילט!"
און עס טוט אין האַרץ אַ ריר
איר שטימעלע, איר שטילס.

נעם איך פון מיין טאַש ארויס
אַ זילבער־שטיק — גיב איר
„נעם, מיין קינד, מיין מיידעלע,
די בלימעלעך האַלט דיר!"

אַ בליק אַ פריידיקער דאַנקט אָפּ,
אַ העפלעכער פאַרנויג,
און אַ טרערעלע פון פרייד
גלאַנצט אין שוואַרצן אויג.

קינדער־לידער,

פּאָעמע,

קינדער־שפּיל

באַשעלעס געבוירנטאָג

גערוידמעט מיין אייניקל ב אַ ש ע ל ע.

זיצן, זיצן קינדערלעך
ארום אַ לאַנגן טיש —
אָנגעשטעלט מיט צוקערלעך,
מיט מאַנדעלעך, מיט ניס;

טאָרטן גרויסע, טאָרטן קליינע,
לעקעך — אַלערליי,
אויסגעשטעלט פאַר יעדן קינד,
אויסגעשטעלט אין ריי.

פלעשעלעך מיט זיס געטראַנק,
פינקלען רויט, ווי וויין —
אויסגעשטעלט פאַר יעדן קינד,
אויסגעשטעלט גאָר פיין.

אויבן אָן א גרויסער טאָרט
מיט ליכטלעך פינף אין צאָל,
צינדט די מאַמע, צינדט זיי אָן —
ווערט ליכטיק מיטאַמאָל.

עסן קינדערלעך אַ סך,
לאָזן וויל זיך גיין,
יעדעס קינד אין זיך פאַרטאָן,
נאָר מיט זיך אליין.

הייבט די מאַמע זינגען אָן,
אַ לידל — צאַרט און שיין,
כאַפּן אונטער שטימעלעך,
ווי גלעקלעך — זילבער־ריין.

לעשט באַשעלע די ליכטלעך אויס —
אלע מיט איין בלאָז,
שרייען קינדערלעך הוראַ,
מען טרינקט פאַר איר אַ כוס...

שפּילן זיך און פרייען זיך —
קינדער אָן אַ צאָל,
ביז די זון לאָזט זיך אַראָפּ
ווייט אין טיפן טאָל.

דאָס שפּיל־קעסטעלע

געווידמעט מיין איינקל א י ל נ ה, אין באלטימאָר.

געקומען איז די מאַמעשי
אַהיים פון גאַס פאַרנאַכט,
האָט זי דער קליינער אילנהן
אַ קעסטעלע געבראַכט.

אילנה עפנט ס׳קעסטעלע,
דערהערט זי קלאַנגען גאָר,
פון זיך שפּילט אויף ס׳קעסטעלע —
איז חלום עס, צי וואָר ?

אין קעסטעלע אַ ליאַלקעלע,
דרייט זיך, טאַנצט אליין,
באַוועגט מיט אירע הענטעלעך
און איז מלא חן.

אילנה קליינע פריילעך ווערט,
שפּרינגט זי צו פאַר פרייד,
פּאַטשט צו מיט די הענטעלעך,
און אַ טענצל גייט.

אַ פינגערל צעקלאַפּט

אוי־אוי־אוי, אוי־אוי־ווײ!
סײדי שרײַט אַ גרויס געשרײ:
אוי־אוי־אוי, מײַן פינגער־בײן!
סײדי שרײַט מיט אַ געוויין.

ס׳איז איר פינגערל פון פוס
האַרט געוואָרן, ווי אַ נוס,
ס׳איז איר פינגערל, אוי־ווײ,
געוואָרן געל און טונקל־בלוי.

געטראָגן האָט זי ס׳טעצעלע —
מילך פאַר קלײנטשיק קעצעלע,
האָט זי צעקלאַפּט איר פינגער־בײן
אָן דעם גרויסן, „שלעכטן" שטײן.

ליגט דער שטײן אַזוי פאַרקלעמט,
ליגט דער שטײן אַזוי פאַרשעמט:
„פאַרצײַ מיר, דו קלײן מײדעלע,
מוחל זײַ מיר, סײדעלע.

„געלעגן זיך אַזוי פאַרטראַכט,
ווי תמיד, ווען עס קומט די נאַכט,
און מיטאַמאָל איז עס געשען,
זײַ מוחל, איך האָב ניט געזען..."

הערט אויף סיידי איר געוויין:
וואָס טאַקע שולדיק איז דער שטיין?
און לאָזט זיך פאַר איר שיינער קאַץ
ווידער ברענגען מילך אַ טאַץ.

דאָס קראַנקע ליאַלקעלע

קראַנק איז מירלס ליאַלקעלע —
אַן אייגעלע איז בלינד,
זיצט און טראַכט זיך מירעלע:
ווי העלפט מען איר אַצינד.

„מאַמעשי", שרייט מירעלע,
„מיין ליאַלקעלע איז בלינד,
רוף אויף גיך דעם גוטן דאָקטער,
וויי איז מיר און ווינד!"

„ערגער זיך ניט, מירעלע",
באַרואיקט מאַמע ס'קינד,
אָט מיש איך פון דעם פלעשעלע
אַ רפואהלע געשווינד.

טוט מאַמעשי אַ שמירעלע,
דאָס אייגעלע פאַרבינדט:
„מאָרגן וועט דאָס ליאַלקעלע
מער ניט זיין שוין בלינד."

טעלעפאָן־געשפּרעך

דינגא, דינגא, דינגא דאָן!
קוקורעקו קרייט דער האָן.
דינגא, דינגא, דינגא דאָן!
צעקלינגלט זיך דער טעלעפאָן.

כאַפּ איך ס׳טרייבל גלייך אַראָפּ,
טראָג עס צו מיין אויער צו:
„האַלאָ, האַלאָ, ווער רעדט דאָרט?
דאָס בין איך, דאָ רייד איך, סו!״

„די באָבע רעדט, דו ביסט עס, סו?
ווו זשע איז די מאַמע, ווו?
ביסט אין שטוב אײנינק אליין,
און ווען וועט מאַמע זיין אַהיים?״

„מאַמע איז אַוועק אין גאַס,
ערשט אַ, מיטן גרויסן באַס,
זי וועט קומען זייגער פיר
און אַ ליאַלקע ברענגען מיר!״

„ביסטו כאַטש געזונט, מיין קינד?
איז וואָס זשע טוסטו דאָרט אַצינד?״
„איך ראַם און וואַש, פאַרטאָן, פאַרטאָן,
איך ענטפער אויך דעם טעלעפאָן!״

דינגא, דינגא, דינגא דאָן!
און ווידער קלינגט דער טעלעפאָן.
קוקורעקו קרייט דער האָן.
דינגא, דינגא, דינגא דאָן!

סוזאַן און העזעלע

געווידמעט מיין איניקל ס ו ז א ן.

דער זיידע האָט פאַר סוזעלען
אַ שטיבעלע געמאַכט,
אין שטיבעלע אַ העזעלע
האָט ער איר געבראַכט.

זיצט העזעלע אין שטיבעלע
דערשראָקן און פאַרטראַכט:
וואָס האָט מען מיר דאָ אָפּגעטאָן?
ווו האָט מען מיך געבראַכט?

ניט קיין ביימער, ניט קיין גראָזן —
טרוקן אומעטום,
דרייט זיך העזעלע און זוכט,
דרייט ער זיך ארום.

קומט סוזעלע צום העזעלע,
רעדט צו אים גאָר שיין:
„זאָרג זיך ניט, מיין העזעלע,
איך לאָז דיך ניט אליין.

„איך וועל ברענגען אַלץ פאַר דיר —
אַ צווייגעלע, אַ גרעזעלע,
ועסטו הונגעריק ניט זיין
טייער, ליבער העזעלע!"

גיט סווזעלע קליין העזעלע
דעם ענין צו פאַרשטיין:
„איך בין דאָך דאָ אַן עלנטער,
איך וויל בעסער אהיים".

בעט סווזעלע דעם זיידעשין:
„זיידעשי, דו שיין,
העזעלען איז אומעטיק,
ער וויל ניט זיין אליין".

האָט זיידעשי אין שטיבעלע
אַ חברל געבראַכט —
נאָך אַ ליבן העזעלע,
אַ העזעלע — אַ פּראַכט.

שרהלע און פישעלע

פליושקעט זיך שרהלע
אין זילבער־קלאָרן טייכל,
מיטאַמאָל: אוי, זעט נאָר, זעט,
אַ פישעלע — אַ מאכל...

וויל אַ כאַפּ טאָן שרהלע
דאָס פישעלע אין הויפן,
טראַכט ניט פיצל פישעלע
און אײַלט זיך צו אַנטלויפן.

רעדט די קליינע שרהלע
צום פישעלע, צום שיינעם:
„ס׳וועט דיר ניט געשען קיין שלעכטס,
לאָמיר זיין אינאיינעם!"

אָבער ס׳פישעלע ניט קומט
צו שרהלען צוריק,
ווײַל אין טייכל פישעלע
איז פריי און פול מיט גליק.

מאָטעלע און קאָטעלע

גע‌וועז אַ קליינער ייִנגעלע,
מ׳האָט אים גערופן מאָטעלע,
געהאַט האָט ער אַ קעצעלע
מיטן נאָמען קאָטעלע.

עסט מאָטעלע אַ קאַשעלע,
לויפט־צו צו אים זיין קאָטעלע:
„גיב מיר אויך אַ נאַשעלע,
מיין געטרייער מאָטעלע!“

מאָטעלע דער זאַטינקער,
סכנות ליבט זיין קעצעלע,
קאָטעלען, דער גוטינקער,
ער קאָרמעט אָן פון טעצעלע.

הונט און קעצל

גערידמעט מיין איי‌ניקל נ י ע ל.

דער טאַטע האָט אהיים געבראַכט
אַ הונט — גרויס און הויך,
ליגט ער רואיק אויסגעצויגן,
ליגט ער אויף זיין בויך.

דערצו איז ער נאָך רונד און פעט —
זייער, זייער דיק,
האָבן מיר גערופן אים:
גרויסער, געלער ביק.

די מאַמע האָט אַ קעצעלע —
אַ קאָטערל געבראַכט,
ליגט זיך אַזוי קאָטערל,
ער דרעמלט און ער טראַכט...

ווערט אומעטיק דעם גרויסן הונט,
שטעלט ער זיך אוועק,
גייט ער צו צום קאָטערל —
אַ לעק אים און אַ שמעק;

און חבר ווערט דער גרויסער הונט
מיט דער קליינער קאַץ —
זיי טיילן זיך דעם אָונטברויט
פון דער גרויסער טאַץ.

ציגעלע

געווידמעט מיין אייניקל סאַנדראַ

ציגעלע, דו קליין,
מיגעלע, דו שיין,
גיב מיר מילך אַ ביסעלע
אין א קליין-קליין שיסעלע.

גיב מיר מילך, דו ציגעלע,
גיב מיר מילך, דו מיגעלע,
פרישינקע, ווי טוי,
ווייסינקע, ווי שניי.

גיב ציגעלע, דו קליין,
גיב מיגעלע, דו שיין,
מילך אַ פולן טעפּעלע,
אַ געזונט מיין קינד אין קעפּעלע!

דער בער

זאָגט דער טאַטע־בער צו קינדער:
וואָס מיר אָקסן, שאָף און רינדער?
אונדז איז בעסער פון זיי אַלע,
עס קען גאָרניט זיין קיין שאלה.

ליבן גאָט מיר דאַרפן בענטשן
מער נאָך פון די אַלע מענטשן,
ווייל אָנגעטאָן האָט גאָט אונדז גוטער
אין אַ ווינטערדיקן פוטער.

גאָט האָט זיך אויף אונדז דערבאַרעמט
און אויף ווינטער אונדז דערוואַרעמט,
ליידן מיר ניט פון דער קעלט
אויף אייזיקער, פאַרשנייטער וועלט.

טאָ זינגט זשע, תפילה טוט צום בורא,
וואָס פאַרהיט אונדז פון דער מורא,
אַז אין ווינטערדיקן וואַלד
זאָל אונדז קיינמאָל ניט זיין קאַלט.

קעצל און קייקעלע

גערוידמעט מיין אייניקל ד ו ר ו ן, אין באַלטימאָר.

אַ קייקעלע
גאָר קליין — אַ קליינע,
האָט זיך געקייקלט
און דערקייקלט
צו קעצעלע גאָר שיין — אַ שיינע.

האָט דאָס קעצל זיך דערשראָקן,
אָבער איר ט׳גענומען לאָקן
די קליינע, חוצפּהדיקע בריאה,
און קעצל האָט גענומען פּליען,
צו דעם קייקעלע זיך ציען.

מיטן פּיסל שאַרט עס, קלאַפּט עס,
מיטן נעזל שמעקט עס, טאַפּט עס;
רירט עס קעצל אָן מיט פּיסל,
קייקלט זיך עס אָפּ אַ ביסל.

דאָס שפּיל געפעלן איז דעם קעצל —
נעמט זיך קייקלען, גייט אַ טענצל,
און זי שפּילט זיך,
און זי דרייט זיך:
קייקל, פּיסל,
הייב זיך,
דריי זיך —

און די גאַנצע וועלט ארום
מיט קעצל־קייקל, אומעטום,
דרייט זיך,
פרייט זיך!

העזל באַרימער

העזל האָט אמאָל דערזען
אַן העלפאַנט — גרויס אַ מעטער צען,
אַ ריז אַ ברייטער, פעסט און הויך,
און פון נאָז — אַ פאַרע רויך.

שטייט דאָס העזל, קוקט פאַרוואונדערט,
מיט אויגן שרעקיקע, צעצונטערט:
אָט די חיה, אָט די גרויסע,
איז געוויס פון וואַלד דער קיסר.

אָבער העלפאַנט דרייט זיין ווידל,
אזוי העפלעך, אזוי איידל,
און די ערשטע גרויסע שרעק
איז פון העזעלע אַוועק.

האָט ער מיט מוט זיך אָנגענומען
און זיין צינגעלע צענומען —
נעמט זיך פלייסן, נעמט זיך רימען,
פאַר דעם העלפאַנט זיך באַרימען:

„כאָטש איך בין נאָך זייער קליין,
בין איך אָבער קלוג און שיין,
מיין נאָמען הערט זיך אַן פאַר מיילן,
איך פאַרמאָג אַ גרויסע מעלה:

„לויפן, לויף איך ווי אַ וויכער,
פון אַלע חיות שנעלער, גיכער,
קיינער קען מיר ניט דעריאָגן,
קיינער קען מיך ניט דערשלאָגן !״

טוט דער העלפאַנט אזא שמייכל :
„איי, דו העזל, ס׳פעלט דיר שכל...״
מיט זיין נאָז גיט ער שנעלכל,
העזל ציטערט מיט זיין פעלכל...

און ער הייבט אָן לויפן, לויפן,
באַרג אַראָפּ, באַרג ארויפן,
ביז ער דערלויפט קוים צו זיין נאָרע,
און טראַכט : דער העלפאַנט — מיין כפרה !

מיראַזש ביי קאַטשקעס

אויפן וואַסער שווימען קאַטשקעס —
אַלע זיינען ווייס,
טונקען זיי זיך אינעם וואַסער,
טוקן זיך מיט פלייס.

זוכן זיי אַ ווערעמל,
אַ פישעלע אַ קליינס,
מיטאַמאָל — גאָר פון דער ווייט
שווימט עפּעס דאָרט אַזוינס...

לאָזן זיך די קאַטשקעס שנעל,
יאָגן איינס נאָך איינס,
אַ פּליושק, אַ שווים גיך־גיך־גיך —
צום עפּעס דאָרט אַזוינס.

שווימען זיי צו יענעם אָרט
אין א גרויס געיעג,
הייבן אָן צו פּיקן זיך —
געפילדער און געשלעג.

זיי טוען פּלוצעם זיך אַ כאַפּ
און קענען ניט פאַרשטיין:
ווו מיטאַמאָל פאַרשווונדן איז
דער עפּעס דאָרט אזוינס ?...

אַ משל פון אַ פישעלע

שווימען פישלעך אין אַ טייך,
שווימען זיך גאָר שיין,
פרייען זיך, פּליעשקען זיך
אינעם וואַסער — ריין.

זעט איין פישעלע פון ווייט,
אַ ווערעמל זיך דרייט,
אין דעם קלאָרן וואַסערל
אַ ווערעמל — אַ פרייד.

שווימט דאָס פישעלע געשווינד,
דאָס קעפּעלע — אַ טונק,
יאָגט דאָס פישעלע געשווינד,
דאָס ווערעמל — אַ שלונג.

אָבער מיטאַמאָל, אוי־וויי,
אין מיילעלע — אַ שטאָך,
אָבער מיטאַמאָל, אוי־וויי,
אין מיילעלע — אַ לאָך.

צאַפּלט זיך דאָס פישעלע,
צאַפּלט זיך אָן לופט,

צאַפּלט זיך דאָס פּישעלע,
מיט טויט־צאַפּל עס רופט...

* * *

אזוי איז עס ביי מענטשן אויך:
צוליבן שטיקל ברויט
פאַלט מען אָפט אריין אין נעץ,
געפינענדיק דעם טויט.

אַ פייגעלע אין שטייגעלע

אַ פייגעלע אין שטייגעלע —
אַ פאַרשפאַרטע וועלט,
מיט כל טוב עס איז פארזאָרגט,
נאָר עפּעס דאָרט דאָך פעלט...

כאָטש אונדז דוכט: ס׳פייגעלע
צופרידן איז, ער זינגט,
פון שטעקעלע צו שטעקעלע
טאַנצט ער פלינק און שפּרינגט:

אָבער זע, ווי מיט אַמאָל
ס׳פייגעלע בלייבט שטום,
און אומעטיק פאַרגליווערט אויך
די שטילקייט פון ארום.

דער פויגל — אַ פאַרשטיינערטער —
שטאַרט מיט גרויען בליק,
אפשר איצט דערמאָנט ער זיך
זיין פארלוירן גליק?

אפשר איצט פאַרבענקט ער זיך
נאָך מאַמעס צאַרטן פליגל?
ווי מיט בליי פארצויגן ווערט
אין שטייגעלע דער שפּיגל...

אונ דעם פייגל דוכט — ער הערט
אַ צוויטשעריי אויף פעלדער ;
פון בוים צו בוים — אים דוכט —
ער פליט אין דופטיק־גרינע וועלדער...

פאר זיין אויג טוט זיך אַ וויג
די גרינקייט פון אַ צווייגל...
און פויגל פון זיין חלום זינגט
אין ענגשאַפט פון דעם שטייגל.

אַ חתונה ביי בלומען

געחידמעט מיין אייניקל ל י נ ד א.

האָט מיין טאַכטער איינגעפלאַנצט
בלימעלעך אין בייטן,
און די ערד האָט אויפגעשפּראָצט
מיט פאַרביק־בונטע קווייטן.

וואַקסן זיי, די בלימעלעך,
וואַקסן, ווי אויף הייוון,
און צווישן אַלע בלומען
וואַקסן צוויי פון אויבן.

און זיי וואַקסן הויך און העכער,
העכער גאָר פון אַלע,
פאַרשיינען זיי די בלומענוועלט —
אַ חתן מיט אַ כלה.

און ווען ווינטל צערטלט זיי,
די בלומען צוויי זיך שושקען,
טוליען איינער זיך צום צווייטן,
האַלדזן זיך און קושן.

און אז די צייט איז אָנגעקומען —
אַ בלומען־חופּה שטעלן,
האָבן אַלע, אַלע בלומען
פון פרייד גענומען קוועלן.

און אַווינט איז אַנגעפלויגן
אויף די בלומען־קראַנצן,
חתן־כלה אין קאַדריל
דרייען זיך און טאַנצן.

נאָר דער חתונה פון בלומען
משקה פעלט צום רומל,
האָט הימל צוגעשיקט אַ רעגן
מיט אַ דונער־טומל.

טאַנצן, דרייען זיך די בלומען
אויף די גרינע בייטן,
דער חתן טוט דער כלה אָן
אַ רינג פון ראָזע קווייטן...

זון־רעגן חתונה

גערודמעט מיין אייניקל מ יי ק ל.

וועז עס קומט אַן זון און רעגן,
פּאַרט אונדז אָנעט פונקט אַנטקעגן
אַ חתונה — מיט גלאַנץ און פּראַכט,
וועלט איז לוסטיק און זי לאַכט.

ווער מיינט איר זיינען חתן־כלה ?
טאַקע מיר דאָ — אַלע, אַלע :
זון און רעגן, מענטש און ווינט —
אַלע פרייען זיך אַצינד.

אויפן הימל קומט מיט פלי
רעגנבויגן — פאַרבן־גלי —
ס׳טוליען זיך קאָלירן אלע
צו אַנאַנדער — חתן־כלה.

און די קלעזמער זיינען דעכער —
רעגן קלאַפּט אויף זיי אַלץ העכער,
ווי ער וואָלט געפּויקט אין טאַנץ,
טראָפּנס רעגן גייען טאַנצן.

גיי איך אונטער טראָפּנס רעגן,
קומט מיר אָנעט זון אַנטקעגן —
פריי איך זיך מיט זון אינאיינעם,
פון שמחה חתן־כלה שיינען.

צום ווינטער

ווינטער, ווינטער, קאַלטער ווינט,
פאַרוואָס זשע בלאָזטו קאַלט און קעלטער ?
ס'האָט דערעסן אונדז דאָס זיצן
אין שטיבער, ווי אין אַ באַהעלטער.

ס'ווילט זיך אונדז אין דרויסן לויפן,
אין פעלד ארויס, פונסניי זיך שפילן —
האָסטו, ווינטער, אונדז פאַרשפאַרט דאָ
קעגן אונדזער גוטן ווילן.

טו זשע, ווינטער, אונדז אַ טובה :
גיי שוין אין אַן אַנדער לאַנד,
גיי זשע זיך געזונטערהייט,
האָסט ביי אונדז זיך לאַנג פאַרזאַמט !

צום רעגן

רעגן, רעגן, רעגנדל,
געניג צו טריפן אזוי לאַנג !
טראָפּנס, טראָפּנס, איינס נאָך איינס —
און עס טוט אונדז אזוי באַנג.

מיר קענען ניט פון שטוב ארויס,
מיר מוזן זיצן ווי פאַרשפּאַרט,
מיר מוזן קוקן דורך דער שויב —
גאַנצע טעג נאָר וואַרט און וואַרט.

רעגן, רעגן, רעגנדל,
געניג צו טריפן אזוי לאַנג !
טראָפּנס, טראָפּנס — איינס נאָך איינס,
זיי וועלן אונדז נאָך מאַכן קראַנק...

צו דער זון

געווידמעט מיין איינקל ק י ע ט (חיים), אין באלטימאָר.

גוט־מאָרגן, ליבע זונענשיין,
גוט־מאָרגן, שטראַלן — ליכטיק־פיין!
ווו זייט איר אזוי לאַנג געווען?
מיר האָבן, זון, דיך ניט געזען.

פאַרוואָס ביסטו פון אונדז אוועק
אויף גאַנצע אַנדערהאַלבן טעג?
נאָר אומגעקערט האָסט זיך אין צייט
פון לענדער אזוי פרעמד און ווייט.

טאָ זיי זשע איצט מיט אונדז דאָ לאַנג,
מיר גריסן דיך מיט אַ געזאַנג:
גוט־מאָרגן, ליבע זונענשיין,
גוט־מאָרגן, שטראַלן — ליכטיק־פיין!

צען ניס

אין אַ טעצל אויפן טיש
געלעגן זיינען זיך צען ניס,
טונקט דער טאַטע איינס אין וויין —
און אין טעצל בלייבן ניין.

אין דעם טעצל אויפן טיש
ניין געלעגן זיינען ניס,
נעמט די מאַמע איינס באַזאַכט
און עס בלייבן מערניט אַכט.

אין דעם טעצל אויפן טיש
ליגן זיך אזוי אַכט ניס,
האָט שוועסטער איינע אויסגעקליבן
און געבליבן זיינען זיבן.

אין דעם טעצל אויפן טיש
געבליבן זיינען זיבן ניס,
מיין ברודער נעמט איינע און עסט,
בלייבן איבער בלויז נאָך זעקס.

אין דעם טעצל אויפן טיש
פאַרבליבן זיינען איצט זעקס ניס,
דער פעטער מיט אַ זיסע מינע
נעמט זיך איינע — בלייבן פינעף.

שטייט אַ טעצל אויפן טיש,
אין אים פאַרבליבענע פינף ניס,
געהערט דאָך איינע אויך צו מיר —
בלייבן איצטער איבער פיר.

אין דעם טעצל אויפן טיש
פיר פאַראַנענע זיינען ניס —
כ׳נעם אַ ניסל אויף דאָס ניי,
בלייבן איבער לעצטע דריי.

אין דעם טעצל אויפן טיש
פאַרבליבן זיינען נאָך דריי ניס,
גיט ווידער שוועסטער זיך אַ דריי...
און — עס בלייבן ניס, בלויז צוויי.

אין דעם טעצל אויפן טיש
פאַרבליבן זיינען קוים צוויי ניס,
שטרעקט זיך הענטעלע אַ קליינס...
בלייבט אַ יתום־ניסל — איינס.

אין אַ טעצל אויפן טיש
איינזאַם ליגט זיך ניסל־נוס,
קומט אריין פון גאַס די שכנה...
עס פאַרשווינדט די לעצטע־איינע.

פראַגן וועגן אחרית הימים

געחידמעט מיין עלטסטן איניקל — ט אָ נ י.

זאָג מיר, זיידעשי, איך בעט דיר,
זאָג מיר, זיידע, ענטפער מיר,
געלערנט האָב איך אין תנך
גאַר אַ ווילע, פיינע זאַך:

אז נאָך קומען וועט א צייט,
ווען פון נאָענט און פון ווייט
וועלן מענטשן אָט די וועלט
פאַרוואַנדלען אין אַ רו־געצעלט.

פאַרביטן ווערן וועט דאָס שווערד
אויף אַקעראייזן — פאַר דער ערד;
און ביי וואַלד־חיות, ביי אַלע,
אַ ליבשאַפט, ווי ביי חתן־כלה...

גיב מיר אָבער צו פאַרשטיין
פאַרוואָס איז מענטש נאָך קליינלעך־קליין,
ווייל על פי יושר און פאַרשטאַנד
מענטשהייט דאַרף זיין א פאַרבאַנד,

ווו אַלע לעבן גלייך ווי ברידער —
קיינער קיינעם ניט דערווידער;
זאָל טאַקע מענטש אַ ביישפיל ווייזן,
ניט ווי חיה — בייסן, רייסן...

ניט זייען האַס, ניט קיין מלחמות,
ניט אַנשיקן קיין שלעק, פּורעניות,
זאָל ניט איין פאָלק פאַר אַ צווייטן
גזירות פינצטערע פאַרגרייטן.

אַנשטאָט שעלטן — זאָלן מענטשן
אָנהייבן זיך ליבן, בענטשן,
און ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען —
לייב וועט מער ניט רייסן, ברומען;

און אַ מילדער וואָלף וועט דאַן
מיטן שעפּס גיין שפּאַן אין שפּאַן...
צי פאַרהאַלט ניט, זיידע, זאָג,
מענטש אליין דעם קץ, דעם טאָג?

ביסט דאָך זיידע גרויס, א גרויסער,
און פון אַלץ אַ קענער, ווייסער,
קענסטו מיר געוויס דערקלערן
פאַרוואָס וויל מענטש ניט בעסער ווערן?

פאַרוואָס וויל מענטש ניט די גאולה
ברענגען אויף דער וועלט, דער דולער?
און אנשטאָט משיח־טרוים
בויט מענטש פאַר זיך אַ תליה־בוים?

די מאַמע מוסרט

„זאָג מיר, מאָטל, מזיק איינער!
זאָג מיר נאָר, דו תכשיט שיינער!“
גיט מאָטלס מאַמע אים אַ גאָב,
מאָטל לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ...

„נאָר ביסט פול אין אלע לעכער,
נאָר דו קריכסט אויף אלע דעכער,
יאָגסט זיך אויפן מאַרק נאָך טויבן,
שלאָגסט ביים שכן אויס די שויבן...

„רק נאָך הינט און קעץ זיך יאָגן,
רק זיך האַלטן אין איין שלאָגן,
קענסט אַ רגע ניט איינזיצן —
מעג עס דונערן און בליצן...

„טו זשע, מאָטל, נאָר אַ קלער:
כ׳האָב צו דיר קיין כוחות מער!
זיי וויסן, כ׳וועל עס ניט אויסהאַלטן
און מער פון טאַטן ניט באַהאַלטן...

„טאָ בעסער זיי אַ קינד אַ ווילער,
ביסט דאָך ניט קיין נאַר, קיין פוילער!
פּרוּוו נאָר גוט זיין — כ׳קען קאַווירן,
לייטיש וועסטו זיך אויפפירן!“

מאָטל פּילט די רייד — געוועכטע ;
ער איז צעלאָזן און אַ שלעכטער !
שטיקן אים אין האַלדז די טרערן :
„מאַמע, כ'וועל אַ גוטער ווערן !..."

דאָס צויבער־גלעקעלע

אַ פּאָעמע מיט דריי מעשהלעך

א.

איך האָב אַ מעשהלע פאַר אייך,
אַ מעשהלע, ניטאָ זיין גלייך,
טאָ זייט זשע, קינדער, שטיל און שאַ,
ס'איז מיין מעשהלע אזא:

אַ צויבער־גלעקעלע אַ קליין,
מיט קלאַנגען זיסע, מלא חן,
קלינגט עס גלין־גלאן אין דער לופט
און מלאכים גוטע רופט.

פליען גלייך מלאכים אָן,
מיט פליגל שטיל זיי פּאַכן אָן —
ניט געזען און ניט געהערט
און פון קיינעם ניט געשטערט.

זיי טוען אָפּ אַ גוטע זאַך,
מיט אַ שמייכל, מיט אַ לאַך;
אָפּגעטאָן די זאַך מיט גליק
און פאַרשווינדן גלייך צוריק.

ב.

דאָס צויבער־גלעקל האָט געהאט
אַ יינגל כוואַט, וואָס איז אַ בראַט,
האָט אים קיין זאַך ניט געפעלט —
אָפן שטייט פאַר אים די וועלט.

ניט געוווּסט האָט ער פון שרעק,
ניט אין נעכט און ניט אין טעג,
ווי אַ וויכער, פראַנק און פריי,
אַלץ און אַלעמען פאַרביי.

געיאָגט האָט ער דורך שטאָט און פעלד,
וואָס אים היץ און וואָס אים קעלט ?
קומט ער אָן אין וואַלד אַ מידער,
אַלע ביימער — זיינע ברידער.

רוט ער זיך אַמאָל אין וואַלד,
מיט אַמאָל אַ גרויס גוואַלד,
טוט ער אַ יאָג צום אָרט פון שריי —
ביימער לאָזן אים פאַרביי.

נאָנט ווערט, נענטער דאָס געשריי :
„מענטשן, ראַטעוועט, אוי־ווי !"
זעט ער : איינער מיט אַ האַק
וויל צוריבן אַ צווייטנס פּאַק.

איז דאָך אָבער יינגל כוואַט,
אין דער נויט אַ יינגל בראַט,
ווייס ניט פון קיין מורא, שרעק
פאַר גזלנים און פאַר העק.

יאָגט ער זיך נאָך מענטש מיט האַק,
וואָס וויל כאַפּן חברס פּאַק,
אַ יאָג מיט כוח און מיט שווונג
און צולעצט — אויף אים א שפּרונג.

מיט זיין גלעקל טוט אַ קלונג
און קנאַקט אויסעט מיט דער צונג:
„זאָלסט ניט הייבן, מענטש, דיין האַנט
און ניט מאַכן זיך צו שאַנד!

„גיי בשלום דיר דיין וועג,
גיי ניט מער אויף רויב, געיעג,
לאָז דעם אָרעמען צורו,
בעט צו גאָט, א תפילה טו!

„פאַרגיסן זאָלסטו ניט קיין בלוט,
צום ברודער־מענטש זאָלסטו זיין גוט,
היטן זאָלסטו זיך פון בייז —
ועסטו בלייבן מענטשן־גרויס!"

שטעלט דער גזלן אָפּ זיין גאַנג,
יאָגט זיך מער ניט נאָך זיין פאַנג,
צו דער ערד ער וואַרפט זיין האַק
און פאַרגעסט אָן חברס פּאַק.

קוקט ארויף צו ייִנגל כוואַט,
צו ייִנגל כוואַט, וואָס איז אַ בראַט,
זיינע אויגן פול מיט דאַנק,
און זיין קאָפּ — געבויגן, באַנג.

נעמט ייִנגל כוואַט אים פאַר אַ האַנט —
זיי גייעןביידע זאַלבענאַנד,
גייען זיי ארויס פון וואַלד
און צעזעגענען זיך באַלד.

ג.

אָבער אונדזער יינגל כוואַט
איז ניט סתם אַ יינגל גלאַט,
מעשהלעך דערציילט ער פיל,
וווּנדער־מעשהס מיט אַ ציל.

יינגל כוואַט הייבט אָן: שאַ־שאַ!
אַ וווּנדער־מעשהלע אַזאַ
וועל איך אייך דערציילן שוין,
פּאַסירט האָט עס מיט מיר אליין:

דאָס איז געווען גאָר אַמאָל,
דאָרטן צווישן באַרג און טאָל
איז שטאָט געלעגן אויסגעשפּרייט —
אַרום מיט פעלדער ברויט פאַרזייט.

די פּויערים, די אַרבעטס־לייט,
פון דער נאָענט און פון ווייט —
צוזאַמען געלעבט האָבן צופרידן
אַלע, אַלע — קריסטן, יידן.

געלעבט האָט מען אין רו, בשלום,
לויט גאָטס געבאָטן, ווי אין חלום,
מענטש געווען איז תמיד גרייט
העלפן חבר אין אַ נויט.

זיינען יאָרן זיך געלאָפן —
ווינטערס, זומערס זיך געטראָפן,
ביז איינמאָל האָט די זון — אַ שרעק,
אַ ברי געטאָן מיט זומער־טעג:

טעג מיט זונגלי אָנגעזאָטן
גענומען האָבן ברענען, בראָטן —
און קיין וואָלקן ניט צו זען,
קיין טראָפּן רעגן ניט געווען.

אויף די פעלדער קאָרן־זאַנגען
אויסגעטריקנט, איינגעגאַנגען,
ווי די ברייטע פעלדער־בייטן
וואָלטן ניט געווען פארזייטע.

בהמות גייען ניט אויף פּאַשע —
ניטאָ פאר קינדער מילך אויף קאַשע,
די טריקעניש ווערט גרעסער, גרויס,
די ערד — אַ ברענענדיקע רויז...

האָט מענטש גענומען ביטער קלאָגן,
געוויינען האָבן זיך געטראָגן
דורך די נעכט, ביז צום באַגינען,
און קיין הילף ניט צו געפינען.

קלויסטער־גלאָק האָט זיך צעקלונגען,
צו גאָט מיט תפילות זיך צעזונגען;
און יידן קלאַפּן אויך אין שול —
ס'איז גאָטס הויז מיט מענטשן פול.

און אַלע בעטן: גאָט געטרייער,
לעש זשע אויס דעם בראַנד, דאָס פייער,
גאָטעניו, אָ, גיב אַ רעגן
פאר די קליינע קינדערס וועגן!

האָט גאָט די תפילות אויסגעהערט
און די בקשה גלייך באַגערט ;
אויף דעם בראַנד דער שר הגשם
אַ וואָלקן האָט געשיקט : גיי, לעש אים !

נאָר טו עס ניט אָן ייִנגל כוואַט,
אָן ייִנגל כוואַט, וואָס איז אַ בראַט,
ווייל ער האָט אַ צויבער־גלעקל,
באַהאַלטן אין זיין טאַש פון רעקל.

זאָל דאָס ייִנגל גיכער, שנעלער,
אָן אַ טעות, אָן אַ פעלער,
הייסן קומען רעגן, פרייד,
ווידער וואַקסן זאָל דאָס ברויט.

ווי נאָר אונדזער ייִנגל כוואַט,
וואָס איז ניט סתם אַ ייִנגל גלאַט,
האָט דערהערט דאָס גרויס געשריי,
אַז פאַרברענט איז ברויט־פאַרזיי,

איז ער ווי אַ פייל פון בויגן,
צו דעם אָרט אוועקגעפלויגן ;
דאָס גלעקל זאָגט מיט ציטער אָן —
עס שטייט דאָס לעבן דאָ אין קאָן.

הייבט אָן גלעקעלע : קלינג־קלינג,
געזאַנגען גיסן זיך : זינג־זינג,
לופט ווערט דופטיק, אזוי זיס,
אז א חיות זיך צעגיסט.

הייבן ווינטן אָן צו ווייען,
וואַלקנס קלייבן זיך, זיי דרייען...
ס׳דוכט זיך: אויס איז מיטן זומער!
בליץ לויכט־אויף, ס׳קראַכט אַ דונער.

און פון כמאַרעס — גאַנצע באלן —
טראָפּנס רעגן נעמען פאַלן,
פאַלן, פאַלן גרויס און גלייך,
ביז פון טראָפּנס ווערט אַ טייך.

פעלדער אָטעמען, זיי לעבן,
ערד נעמט ווידער זריעה געבן,
און אין שטאָט איז גרויס די שמחה —
לויבט מען גאָט אין שול, אין קירכע.

אלע מענטשן טוען תפילה,
דאַנקען גאָט, בעטן מחילה,
און עס פרייען זיך די גאַסן —
פון דעם רעגן, פון דעם נאַסן...

ד.

און צום סוף נאָך, קינדער, הערט,
ניט אויסגעטראַכט, ניט אויסגעקלערט,
אַ לעצטן מאָל זייט שטיל און שאַ,
ס׳איז די מעשהלע אַזאַ:

געשען איז דאָס אַמאָל, אַמאָל,
הינטער יענעם באַרג און טאָל,
אין אַ שטיבעלע אַ קליין,
ניט ווייט פון גרויסן טייך־באַסיין.

איז שטיבעלע געשטאַנען שטיל,
אַנגעזאַפּט מיט יאָרן פיל,
אַלע יאָרן דאָרט פאַרבראַכט
אין דעם שיינעם טאָל פון פראַכט.

געלעבט האָבן אין שטיבעלע,
זיידע מאיר קיוועלע,
באָבע זעלדע ריוועלע
און אייניקל קליין צביהלע.

איז צביהלע געוואַקסן שיין,
איר פּנים זוניק, מלא חן,
און מיט חכמה פול און קלוג,
ווי מיט וואַסער פול א קרוג.

באָבע־זיידע קוועלן אָן,
לאָזן איר קיין זאַך ניט טאָן,
היטן איר, ווי אויג פון קאָפּ —
דאָס מיידל מיטן שוואַרצן צאָפּ.

האָט איינמאָל זיך אזוינס געמאַכט:
אין אַ פראָסטיק קאַלטער נאַכט,
איז אַ יעגער — שטייף און קאַלט —
געקומען פון דעם טיפן וואַלד.

גייט ער, גייט ער זיך פאַרשנייט,
ביקס אויף אַקסל, ווינט עס ווייט,
קומט ער אָנעט אינעם טאָל,
זעט אַ פייער מיטאַמאָל.

קלאַפּט ער אָן אין שטיבל־שויב,
קליפּ־קלאַפּ, קליפּ־קלאַפּ, ווי אַ טויב:
„ליבע מענטשן, עפנט מיר,
דערפרוירן כ'שטיי פאַר אייער טיר!

הונגעריק בין איך און מיד,
כ'בין אַ שטילער מענטש, אַ ייד,
אין דרויסן קראַכט דער פראָסט און קראַכט,
לאָזט מיר אויסרוען די נאַכט!"

עפנט צביה ס'טירל אויף,
נעמט אים אויף די טרעפּ ארויף,
פירט אים גלייך אין שטוב אריין:
„אונדזער גאַסט וועט איר דאָ זיין!"

גרייט זי שנעל פאַר אים דעם טיש,
זי שטעלט ארויף דאָס פלייש, די פיש,
ברויט און זאַלץ, און ס'טוט אַ שיין
פאַר דעם גאַסט — אַ פלאַש מיט וויין.

נעמט דער גאַסט זיין ביקס אַראָפּ,
באַטראַכט דערווייל דעם מיידלס צאָפּ;
נעמט דער גאַסט זיין זאַק אראָפּ,
באַטראַכט דערווייל דעם מיידלס קאָפּ.

און ער וואַשט די הענט זיך אָפּ,
שאו ידיכם זאָגט ער אָפּ,
מאַכט המוציא, עסט און טרינקט,
נאָכן עסן בענטשט און זינגט.

נאָך דעם גייט ער צו זיין בעט,
און דאָס מיידל קוקט און זעט:
דער יעגער ווינקט צו איר מיט אויג —
גוטע נאַכט! טוט זיך אַ נויג...

ה.

פרימאָרגן קומט אָן זייער טריב,
אין דרויסן שנייט, ווי פון אַ זיפּ,
דער יעגער שטייט ביי צביהס בעט,
ער טוט אַ קוש זי און אַ גלעט...

זי טוט אַ כאַפּ זיך פאַרן קאָפּ,
פון שרעק שפּרינגט זי פון בעט אַראָפּ:
„ווינד איז מיר, ווינד און וויי!"
שרייט זי מיט אַ גרויס געשריי.

„ניט געשריען, שטיל, דו מויד!
טו זיך בעסער אָן אַ קלייד,
און מיט מיר וועסטו ארויס,
פארלאָזן מוזטו גלייך דאָס הויז!

„צו מיר אין שטוב וועסטו אריין,
און אַ ווייב וועסטו מיר זיין,
געזעגן זיך אַצינד און זאָג
די אלטע לייט אַ גוטן טאָג!"

וויינען באָבע־זיידע: „גוואַלד!
ווי אַ גזלן פונעם וואַלד —
אוועקנעמען ווילסט אונדזער קינד,
אוי־וויי איז אונדז, אוי־וויי און ווינד!"

און פון מיידלס אויגן שיינע,
פליסן טרערן, פליסן ריינע,
אירע ליפן שעפּטשען שטיל:
דער שלעכטער מענטש פון מיר וואָס וויל?

נאָר דער יעגער, ס׳פּנים בייז —
אַ גזלן פונעם וואַלד ארויס,
ביקס געלאָדן אין זיין האַנט,
שטייט ער רואיק ביי דער וואַנט.

וויינען, קלאָגן אלע הויך,
ס׳מיידל צביה כליפּעט אויך,
אַ בלייכע שטייט זי ביי דער שוועל,
וויל ניט פאָלגן זיין באַפעל.

ו.

האַלט דאָך אָבער יינגל כוואַט,
יינגל כוואַט, וואָס איז אַ בראַט,
דאָס צויבער־גלעקעלע ביי זיך —
און ס׳טוט דאָס גלעקעלע אויף גיך

אַ ציטער־קלונג און זאָגט אים אָן:
אַ לעבן שטייט דאָרט איצט אין קאָן,
אין שטיבעלע,ביים וואַלד, אין טאָל —
געוויין און יאָמער אָן אַ צאָל.

טאָ לויף זשע שנעלער, לויף זשע גיך,
נעם מיך, גלעקעלע, מיט זיך!
ראַטעווע דאָס מיידל דאָרט,
זיידן, באָבען — אויף אָן אָרט.

ניט לאַנג געטראַכט האָט יינגל כוואַט —
ניט פאַרזאַמט זיך יינגל בראַט,
ווי אין פעלד דער שטורעם־ווינט
לויפט ער שנעל, ער פליט געשווינד.

אָט איז ער ביים שטוב אין טאָל,
פראַלט די טיר אויף מיט אַמאָל,
מיט זיין גלעקל גיט אַ קלונג,
און אַ קנאַק טוט מיטן צונג;

און דאָס גלעקעלע — קלינג־קלינג,
געזאַנגען גיסן זיך: זינג־זינג,
די לופט ווערט דופטיק, אזוי זיס,
אין הארץ א חיות זיך צעגיסט:

„הייבן זאָלסטו ניט דיין האַנט
און ניט מאַכן זיך צו שאַנד!
ווערט דיר תמיד, מענטש, זיין גוט —
פאַרגיסן זאָלסטו ניט קיין בלוט!

„גוטע מענטשן לאָז צורו,
בעט צו גאָט, א תפילה טו!
היטן זאָלסטו זיך פון בייז,
וועסט בלייבן מענטש, און גרויס!

און ניט לעבעדיק, ניט טויט,
דער יעגער שטייט, זיין פנים רויט —
ער טוט זיין ביקס אַ וואָרף צו דר׳ערד,
די שיינע רייד מיט חרפה הערט.

קוקט אַרויף צום יינגל כוואַט,
צום יינגל כוואַט, וואָס איז אַ בראַט,
זיינע אויגן פול מיט דאַנק,
זיין קאָפּ געבויגן טיף און באַנג.

נעמט יינגל כוואַט אים פאַר אַ האַנט,
זיי גייען ביידע זאַלבענאַנד,
גייען זיי פאַרביי דעם וואַלד
און געזעגענען זיך באַלד.

און אונדזער העלד, דער יינגל כוואַט,
יינגל כוואַט, וואָס איז אַ בראַט,
צום האַרצן צויבער־גלעקל דריקט —
פאַר זיין שכר — די פרייד ער קריגט.

לאָזט ער זיך פון שטאָט אַרויס,
גייט וואַלד איין און גייט וואַלד אויס,
אַ פלעקעלע אַריין, אַרויס,
און די מעשה איז שוין אויס!

אלף-בית

קינדער־שפּיל מיט געזאַנג, צונויפגעשטעלט פון לידער און שפּילן.

(אויף דער בינע זיינען אויסגעזעצט, מיט די פּלייצעס צום פּובליקום, קינדער — דער כאָר. עס קומען ארויף דער אלף מיטן בית, — צוויי קינדער, — וואָס האלטן אין די הענט די אנטשפּרעכנדיקע אותיות).

אלף:

אַט אָ בין איך, אלף־אברהמעלע,
מיט מיין חבר, בית־בערעלע.

ביידע:

מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל
פאַרצושטעלן דעם אלף־בית שפּיל.

טאָ גרייט אייך, קינדער, צום געזאַנג,
זאָל הילכן אונדזער יידיש קלאַנג.

רופט דעם גימל, דלד, היי,
מיט געזאַנגען, אָט אזוי!

כאָר (די קינדער שטעלן זיך אויף, נעמען זיך פאַר די הענט אין אַ קרייז, זינגען):

שפּילן מיר, שפּילן מיר,
אקאַראַהאָד, א קאַראַהאָד,
קומט ארויס אַ גאַנדז.

גאַנדז (קומט אַרויס מיט אַ גימל אין האַנט. זינגט):

גא, גא, גא, גא, גא...

כאָר:

געגנדזעלע, גאַנדז,
וואָס האָסטו פאַר אונדז?

גאַנדז:

איך האָב פאַר אײַך פעדערלעך,
ווײַסינקע ווי שניי,
מאַכט אײַך קישעלעך — } (ביס)
שלאָפט אויף זיי. }

כאָר:

די גאַנדז גיט אונדז פעדערלעך,
ווײַסינקע ווי שניי,
מאַכן מיר זיך קישעלעך,
שלאָפן מיר אויף זיי:
ליו־ליו־ליו־ליו־ליו־ליו־ליו־ליו, } (ביס)
טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ... }

שפּילן מיר, שפּילן מיר,
אַ קאַראַהאָד, אַ קאַראַהאָד,
קומט דודל—דלד,
דאַ־דאַ־דאַ־דאַלעד!

(דלד קומט אַרויס)

דודל־דלד, וואָס האָסטו פאַר אונדז?

דלד:

איך האָב פאר אייך אַ הינדעלע — היי,
קום ארויס, דו הינדעלע־היי,
מיט אונדז שפּילן, אַט אזוי!

כאָר:

שפּילן מיר, שפּילן מיר,
א קאַראַהאָד, א קאַראַהאָד,
קומט דאָס הינדעלע — היי —
היי־היי־היי־היי היי!

(קומט ארויס, זינגט)

כאָר:

הינדעלע־היי,
וואָס האָסטו פאר אונדז?

הינדעלע:

איך האָב פאַר אייך אייעלעך,
פרישינקע ווי טוי,
נעמט די אייעלעך
און עסט אזוי! } (בּיס)

כאָר:

די הון גיט אונדז אייעלעך,
פרישינקע ווי טוי,
עסן מיר די אייעלעך,
געשמאַקינקע אזוי —
האָם־האָם־האָם־האָם,
האָם־האָם־האָם־האָם,
טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ. } (בּיס)

(די קינדער שטעלן זיך אויס, לויט דעם א״ב סדר. **וואָוו** און **זין**, אָנגעטאָן ווי בינעלעך, קומען ארויף).

וואָוו (רייבט זיך די אויגן):

וו־וו־ווו זיינען מיר ?
וו־וו־וו־וואָס זשע זע איך —
שוין פרילינג אויף דער וועלט ?
וואַך אויף, וואַך אויף !

כאָר:

פון דעם ווינטערדיקן שלאָף,
וואַכן אויף די בינעלעך,
רייבן די אייגעלעך
מיט די פיסעלעך,
מאַכן זיסע מינעלעך,
זום־זום־זום־זום־זום,
זום־זום־זום־זום־זום,
רייבן די אייגעלעך
מיט די פיסלעך,
מאַכן זיסע מינעלעך.

קליינע קעפּלעך נעמען קוקן,
צו די ווייטע הימעלעך :
צי געקומען איז דער פרילינג,
צי עס בליען בלימעלעך ?
זום־זום־זום־זום־זום,
זום־זום־זום־זום־זום,
צי געקומען איז דער פרילינג,
צי עס בליען בלימעלעך ?

אויף דער לאַנקע בלויע פּיאַלקעס,
שטייען פולע שיסעלעך,
טיילן דאָס זאפּטעלע, דאָס זיסע,
בינעלעך צו ביסעלעך.
זום־זום־זום, זום־זום־זום,
זום־זום־זום־זום־זום־זום —
טיילן דאָס זאַפּטעלע, דאָס זיסע,
בינעלעך צו ביסעלעך.

(אַלע אותיות, זײַן אַרײַנגערעכנט, מאַכן אַ קרײַז, טאַנצן און זינגען):

שײַנינקע בלימעלעך וואַקסן אין גאָרטן,
שײַנינקע בלימעלעך אלערליי סאָרטן.
אַ קראַנץ פון רויזן, אַ קראַנץ פון בלומען,
האָט ביי אונדז חנהלע צוגענומען.

(חנהלע באַווייזט זיך מיט אַ חית)

חנהלע, חנהלע,
אוי ווי דו ביסט שיין.
חנהלע, חנהלע,
האָסט א פולע חן.

שײַנינקע בלימעלעך וואַקסן אין גאָרטן,
שײַנינקע בלימעלעך אַלערליי סאָרטן,
אַ קראַנץ פון רויזן, אַ קראַנץ פון בלומען,
האָט ביי אונדז טעמעלע צוגענומען.

(טעמעלע באַווייזט זיך מיט אַ טית):

טעמעלע, טעמעלע, איי ווי דו ביסט שיין,
טעמעלע, טעמעלע, לאָמיר טאַנצן גיין!

טעמעלע :

טאַ, וואָס מאכט איר פון מיר
אזא טא־טא־טארעראם ?
איך בין דאָך נאָר
אַן איינפאַכער טית,
אָבער אָט קומט אונדזער יודעלע —
יאַנקעלע !

יאַנקעלע (פאָרט אריין, רייטנדיק אויף אַ בעזעם, דעקלאַמירט) :

יענקעלע וויל אַ יעגער זיין,
יענקעלע וויל אין וואַלד אריין,
שיסן וויל ער נאָר אַ בער,
ווו נעמט מען אָבער אַ געווער ?
(נאָכן ענדיקן די דעקלאַמאַציע פאַלט ער אום—אלע קינדער לאַכן).

כף (קומט אריין) :

וואָס כאַ־כאַ־כאָטשעט איר אזוי ?
זאָל שוין זיין שטיל !
ווייל אָט קומען אָן — דער למד —
לאה, מיט איר בעסטער פריינדין —
מם — מייע !

כאָר :

טאָ לאָמיר זיי מקבל פנים זיין
און נעמען אין דער שפּיל אריין !

לאָמיר אלע אינאיינעם, אינאיינעם,
לאהן מקבל פנים זיין,
לאהן מקבל פנים זיין,

(ביס) לאָמיר אלע אינאײנעם,
לאָמיר אלע אינאײנעם,
לוסטיק און פרײלעך זײן!

לאָמיר אלע אינאײנעם, אינאײנעם,
מײען מקבל פנים זײן,
מײען מקבל פנים זײן,

(ביס) לאָמיר אלע אינאײנעם,
לאָמיר אלע אינאײנעם,
לוסטיק און פרײלעך זײן!

נ[ן] (לויפט אַרײן מיט דרײ ניס אין האַנט, זינגט):

די מאַמע האָט דרײ ניסעלעך,
פון דעם יאַריד געבראַכט,
דרײ גוטע, פעטע ניסעלעך,
דרײ ניסעלעך אַ פראַכט;

איז אײנס געװען פאַר בערעלען,
ס׳צװײטע חיים שמערעלען,
און גאַר דאָס בעסטע ניסעלע
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.

איר װוּנדערט זיך אַ ביסל,
פאַר װאָס ניט מיר אַ ניסל?
װײל ניסן, ניסן, ניסעלע —
דאָס דריטע דאָס בין איך!

(שטעלט זיך אָן אַ זײט).

סמך:

מיך רופט מען
סימעלע — סמך.
איך וויל אויך קענען לייענען,
שרייבן, און יידיש ריידן,
מיט מיין טאַטן, מאַמען,
באָבען, זיידן.

און מיט מיר איז עין־עטעלע,
איידער זי גייט אין בעטעלע,
וויגט זי צו איר ברודערל פּיניעלע
און מאַכט דערביי
אַ פריילעך מינעלע,
און זינגט דערביי אַ שיינעם ניגעלע.

פּיניעלע (קומט אריין, זינגען ביידע):

פּאַטשע, פּאַטשע קיכעלעך,
אוצרל מיין שיינער,
דער טאַטע ט׳קויפן שיכעלעך,
זונעלע מיין קליינער;

דער טאַטע ט׳קויפן שיכעלעך,
די מאַמע ט׳קויפן זעקעלעך,
דער טאַטע ט׳קויפן פערדעלעך,
די מאַמע וועט אָנטאָן גלעקעלעך.

פּיי (לויפט אריין, דעקלאַמירט):

פּייגעלע, פּייגעלע, פּי, פּי, פּי,
וווּ איז דער טאַטע?
ניטאָ הי,

װען װעט ער קומען ?
מאָרגן פֿרי ;
װאָס װעט ער ברענגען ?
אַ בריװעלע פּאַפּיר,
װער װעט לייענען ?
איך מיט דיר !

צדיק (ס׳קומט אריין ציפּעלע מיט א פארביסן ליפּעלע).

כאָר :

ס׳האָט די קליינע ציפּעלע,
פֿאַרביסן זיך אַ ליפּעלע,
ציפּעלע, װאָס װיינסטו ?
אַן עפּעלע — דאָס מיינסטו ?

ציפּעלע :

ניין, ניין, ניין,
װער זאָגט עס אַז איך װיין ?

כאָר :

ס׳האָט די קליינע ציפּעלע,
פֿאַרקניפּט דאָס מויל — אַ קניפּעלע.
ציפּעלע, װאָס װיינסטו ?
צװיי עפּעלעך — דאָס מיינסטו ?

ציפּעלע :

ניין, ניין, ניין,
װער זאָגט עס אַז איך װיין !

כאַר:

און ס׳טרייסלט זיך איר קעפּעלע
צוזאַמען מיטן צעפּעלע...
ציפּעלע, וואָס ווייסטו?
דריי עפּעלעך — דאָס מיינסטו?

ציפּעלע:

ניין, ניין, ניין,
אַ קוש וויל איך, ניט מיין!

קוף (קומט אריין, קרייט):

קוקוריקו קרייט דער האָן,
גיכער קינדער, טוט זיך אָן,
פּוצט זיך אויס
און וואַשט זיך איין
און אויף גיך אין שול אריין!

ריש (קומט אריין מיט אַ דריידל):

דריי זיך דו רעדעלע,
דריי זיך דו מילכעלע,
פליסיק צו לערנען,
איז דאָך אַ שפּילכעלע,
דריי זשע זיך, רעדעלע,
דריי זשע זיך גיכער,
און — נעמט זיך צו די ביכער!

שין (לויפט אריין, צו די קינדער):

ששש, שששאַ!

(די קינדער מיטן פּנים צום עולם):

שאַ, שאַ, דער רבי גייט,
שאַ, שאַ, דער רבי גייט,
שאַ, שאַ, דער רבי קומט,
דער רבי איז שוין דאָ!

(דער רבי קומט אַריין, די קינדער נעמען אים אַריין אין קרייז, זינגען און טאַנצן).

פאָרהאַנג.